№ 124 פרייז 2 קאפ. Lodzer Tageblatt.

לאָדזער טאַגעבלאַט

אבאנעמענטס-פרייז: אין ראסלאנד: א יאהר 8 רובל, א האלב יאהר 4 רובל. א פערטעל יאהר 2 רובל. א חודש 70 קאפ. אין אויסלאנד: א חודש 1 רובל 25 קאפ. צונערן דעם אדרעס קאסט 15 ק. אדרעס פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע Лодзь, Петроковская 16. אדרעס פאר דעפעשען: Лодзь. Тагеблатъ

רעדאקציע און אדמיניסטראציע
פעטריקויער 16, טעלעפאן 867.
פיליע אין ווארשוי:
ח. רייזנער, טווארדא 28, טעל. 17-63.

אנאנסען-פרייז: א שורה פעטיט אין טעקסט 1.20 ערשטע און דריטע זייט 60 ק. לעצטע זייט 80 קאפ., גראטולאציאנען פערלאבונגס און חתונות-אנצייגען 1-טע זייט 1.50—לעצטע זייט 1 רובל. ניט אנגענומענע ארטיקלען ווערען ניט צוריקגעשיקט. פאר'ן אינהאלט פון אנאנסען איז די רעדאקציע ניט פעראנטווארטליך.

29 מאי (11 יוני) 1914. דאנערשטאג י"ז סיון תרע"ד זיבענטער יאהרגאנג

וועגען ווארט-פרייהייט פון די דעפוטאטען.

אנגענומען דעם געזעצפראיעקט אין דומע.

פון דער דינסטאג'דיגער אָוונד-זיצונג.

די אָוונד-זיצונג קומט פאר אונטער'ן פארזיץ פון ראָדזיאנקאָ. צווישען אַנדערע געפינט זיך די אַנפראגע צום אינערן-מיניסטעריום בנוגע די אונגעזעצליכע טהאטען פון דער פאליציי אין יעקאטערינאסלאוו אין דער בעציהונג צו די שטרייקענדע בעקער.

ס'ווערען פארטגעזעצט די דעבאטען איבער דעם געזעץ-פראיעקט וועגען דער אונפעראנטווארטליכקייט פון די דומע-דעפוטאטען און די געהעהלטע מיטגלידער פון גאסור. סאוויעט פאר זייערע רעדעס.

שטשעקאָוו זאגט אָן אין זיין רעדע, אז די פרייהייט פון ווארט און פון דער מעטינקייט פון די העכערע געזעצגעבערישע אנשטאלטען איז אהן צווייפעל נויטיג. די פראגע איז אבער, צי דארף די דאזיגע פרייהייט זיין א אונבעגרעניצטע און אבסאלוטע. דער רעדנער טרעט אין שארפע ווערטער ארויס געגען א אונבעגרעניצטער און אבסאלוטער פרייהייט.

דער רעדנער ענדיגט זיין רעדע מיט פאלגענדע ווערטער: איידער מ'רעדט וועגען אונבעגרעניצטער פרייהייט פון ווארט, אדער וועגען דער פרייהייט פון ווארט-פערברעכענס דארף מען געדענקען, אז צווישען די מיטגלידער פון סאוויעט און דער דומע איז נישט פארהאן קיין פלאץ פאר עלעמענטען, וועלכע אונטערדריקען די אמת'ע פרייהייט, וואס איז געשענקט געווארען די איבריגע דעפוטאטען. די נעגענווארט פון די דאזיגע עלעמענטען אין דעם זאל, וואו מ'זארגט פאר דעם וואויל-שטאנד פון רוסלאנד, הייסט ארייננדרינגען אין א פרעמדען לאגער; דאס איז שפיאנאזש.

דער פארזיצענדער רופט דעם רעדנער צו ארדנונג. דער רעדנער פערלאזט די טריבונע.

דער פירשט נאלאָוואני ווייזט אָן, אז ס'איז גאר איבעריג צו דערווייזען די נויטווענדינקייט פון א פאלשטענדיגער פרייהייט פון ווארט פאר'ן דעפוטאט, נור צוליעב דעם, וואס די רעגירונג האט מיט דער הילף פון דעם ערשטען דעפארטאמענט פון גאסור. סאוויעט פערוואנדעלט די פרייהייט פון דעפוטאטען-ווארט אין א פיקציע און וויל די פרייהייט פערניכטען, מוז די דומע זאגען איהר ווארט, מיט וועמען זי איז, צי מיט די, וועלכע ווילען צוריקקעהרען רוסלאנד צו דער שענדליכער פערגאנגענהייט (אויסגעשריען פון רעכטס און א טומעל). דער פארזיצענדער רופט דעם רעדנער צו ארדנונג.

דער פירשט ענדיגט:

— אדער מיט די, וועלכע ווילען פיהרען רוסלאנד פארווערטס צום ליכט, פרייהייט און גליק!

טשכעאידזע ערקלערט, אז אהן דער פאלשטענדיגער פרייהייט פון דעפוטאטען-ווארט איז די דומע א פיקציע, די רעגירונג בעמיהט זיך נור צו שטערען די פרייהייט פון ווארט, און דאס דומע-פרעזידיום האט די פרייהייט שוין פערניכטעט. די דומע-מעהרהייט פער-דעקט זיך מיט א פייגען-בלאט און וויל מאכען א שענעם זשעסט פאר דעם לאנד.

פעטראָווסקי זאגט, אז די סאציאל-דעמאקראטען וועלען קעמפפען פאר דער פרייהייט פון ווארט און זיי זענען זיכער, אז אין דעם קאמפף וועט זיי אונטערשטיצען דאס גאנצע לאנד.

פירסאָוו דער צווייטער ווייזט אָן, אז אהן דער פרייהייט פון ווארט וועלען די פויערים-דעפוטאטען, מורא האבענדיג פאר דער ארטיגער מאכט, נישט קענען ארויסזאגען די פערלאנגען פון די, וועלכע האבען זיי געשיקט אין דומע אריין.

נאכדעם, ווי ס'טרעטען נאך ארויס איינינע דעפוטאטען, ווערט אנגענומען דער פארשלאג, איבערצוגעהן צו לייענען פונקטענווייז דעם געזעץ-פראיעקט.

דער פארזיצענדער טיילט מיט איינינע אויסבעסערונגען, וועלכע זאמיסלאָווסקי האט אריינגעטראגען צום געזעץ-פראיעקט וועגען דער פרייהייט פון דעפוטאטען-ווארט.

גראף קאפניסט דער צווייטער טרעט ארויס געגען די פערבעסערונגען.

פערטהיידיגענדיג זיינע פערבעסערונגען, ווייזט זאמיסלאָווסקי אָן, אז אין דער דומע ערלויבט מען זיך צו בע-לייידיגען די העכערע מאכט. אלע ווייסען, זאגט זאמיסלאָווסקי, אז ווען ס'ווערען פערעפענטליכט אלערהעכסטע אוקאזען, וועלכע דארפען אויסגעהערט ווערען פון דער דומע שטעהענדיג, פערלאזען די סאציאל-דעמאקראטען דעם זאל.

זאמיסלאָווסקי'ס פערבעסערונגען ווערען מיט א מעהרהייט אבגעווארפען.

די פארמולע פון דער קאמיסיע איבער געריכטס-רעפארמען, אין וועלכער ס'ווערט פארגעלעגט צו פערשטארקען די דיסציפלינארע פעראנטווארטליכקייט פון די דומע-דעפוטאטען און אז דער דומע-פארזיצענדער זאל האבען דאס זעלבסטשטענדיגע רעכט אליין אנצו-נעהמען געוויסע דיסציפלינארע מיטלען, ווערט אבגעווארפען.

• •

פעטערבורג (פ.) אויף דער נעכטיגער דומע-זיצונג זענען בעטראכט און אנגענומען געווארען די סמעטעס פון בערג-דעפארטאמענט, האנדעלס-פלאט און די קאנצעלאריע פון דעם הויפט-פערוואלטער איבער לאנדווירט-שאפט.

צום סוף פון דער זיצונג ווערען בע-טראכט איינינע אנפראגען, צווישען זיי א דרינגענדע אנפראגע דעם קריגס-מיניסטער וועגען דער פעראָרדנונג פון'ם קאמענדאנט פון פעטראפאוולאווער פעס-טונג, צו שמייסען דעם זוהן פון א זשאנדארמסקע אונטער-אפיציר. ביים באלאטירען וועגען דער דרינגליכקייט שטעלט זיך ארויס, אז ס'איז נים פאר-האן קיין קווארום און די באלאטירונג ווערט דעריבער אבגעלעגט אויף דער אָוונד-זיצונג.

דאס נייעסטע פון טאג.

נישט קיין ,קעניגרייך פוילען'.

פעטערבורג (סס.) אין דער אויסגלייך-קאמיסיע, וועלכע בעשטעהט פון דומע-דעפוטאטען און מיטגלידער פון גאסור. סאוויעט, איז אויסגעפרא-כען א סכסוך צוליעב דעם נאמען ,קעניגרייך פוילען' ביי'ם בעטראכטען דעם אוסטאוו וועגען בעזעצערן די פעלדער. די קאמיסיע איז איינגעגאנ-גען אויף א קאמפראמיס, לויט וועלכען אנשטאט דעם נאמען ,קעניגרייך פוילען' וועלכער איז אנגענומען גע-ווארען פון דער דומע, און ,ווארשאווער גענעראל-גובערנאטארסטווע', וואס איז אנגענומען געווארען אין גאסור. סאוויעט, זאלען אין אוסטאוו אויסגע-רעכענט ווערען די נעמען פון 10 גובערניעס.

געגען דעם קאמפראמיס איז ארויס-געטרעטען דער דעפוטאט פראטשעווי-סקי, וועלכער האט אנגעוויזען, אז ס'דארף בלייבען דער נאמען ,קע-ניגרייך פוילען'. אלע איבריגע מיט-גלידער פון דער קאמיסיע זענען מסכים צום קאמפראמיס-נאמען.

שנוים אין פינאנץ-מיניסטעריום.

פעטערבורג (פ.) די געהילפען פון פינאנץ-מיניסטער נאחיצקי און וועבער ווערען בעפרייט פון זייערע פאס-טענס; אויף זייער ארט ווערען בע-שטימט דער מיטגליעד פון'ם ראט פון פינאנץ-מיניסטער ניקאלאיענקא און דער דירעקטאר פון דעם דעפארטאמענט פון דער מלוכה-באנק קוזמינסקי.

דאס נייע מיניסטעריען-קאבי-נעט אין פראנקרייך.

פאריז (פ.) ריבא האט מיטגע-טיילט פואנקארע'ן, אז ער האט צו-נויפגעשטעלט א נייעם מיניסטעריען-קא-בינעט.

אבדול האמיד קראנק.

קאנסטאנטינאפעל (סס.) דא האט זיך פערשפרייט א קלאנג, אז דער נעווירקט. די פערזאנען, וועלכע זענען מיט איהם אין פערלויף פון דער צייט געקומען אין בעריהרונג, ערקלערען אז אבדול-האמיד איז שוין פון לאנג א עקס-סולטאן אבדול-האמיד איז ווידער ערנסט קראנק געווארען. די 5-יעהריגע געפאנגענשאפט האט אויף דעם 72 יעהריגען אבדול-האמיד זעהר שלעכט נעבראכענער מענש. אבדול-האמיד איז גאנץ בעזונדערס זעהר נידערגעשלאגען צוליעב דעם, וואס ער האט געזעהן דורך פערשיידענע אומשטענדען ווי ער ארויף אויפ'ן טראהן, און ס'האט זיך נאר נים אויסגעלאזט דערפון. דער עקס-סולטאן ליגט שוין 4 וואכען, לויט די קלאנגען, אין בעט און וויל נישט צולאזען צו זיך קיין דאקטוירים.

ביספינג-פראצעס.

דעם פראקוראר'ס רעדע.

די נעכטיגע זיצונג האט זיך גע-עפענט 1 א זייגער נאכמיטאג. דער זאל איז געפאקט. אלע פלעצער פאר'ן פובליקום זענען פערנומען.

דער פארזיצענדער גיט דאס ווארט דעם וויצע-פראקוראר הערשעלמאן, וועלכער האלט א לענגערע בעשולדי-גונגס-רעדע. שטיצענדיג זיך אויף די ערקלערונגען פון די עדות און די עקספערטען קומט דער פראקוראר צום בעשלוס, אז דער מערדער פונ'ם פירשט דרוצקי-לובעצקי איז נים קיין אנדערער ווי ביספינג, וועלכער האט איהם דער-הרג'עט מיט א פאראוס בעשטימטע כונה, צוליעב זיין איינענעם נוצען. דער בע-שולדיגטער האט אויך געפעלשט וועקס-לען אויפ'ן נאמען פונ'ם פירשט און האט איהם געפרובט פערסמ'ען. צוליעב דעם אלעם פאדערט ער פאר דעם בע-שולדיגטען די העכסטע שטראף.

די רעדע פונ'ם פראקוראר איז גע-האלטען געווארען אין זעהר א שארפען און זיכערען טאן און האט געמוזט מאכען אנ'איינדרוק.

• •

נאך דער בעשולדיגונגס-רעדע פונ'ם פראקוראר וועט היינט האלטען א פער-טהיידיגונגס-רעדע דער אדוואקאט וורובלעווסקי. דאן וועלען רעדען דער גע-הילף-אדוואקאט פאסכאלסקי, אדוואקאט סמיראָווסקי, פרייטאג וועט האלטען אנ'-אלגעמיינע פערטהיידיגונגס-רעדע דער אדוואקאט פאפיעסקי. דאן וועלען פאר-קומען די רעפליקעס פון די צדדים און דאס לעצטע ווארט פונ'ם בעשולדיגטען.

דעם אורטייל קאן מען ערווארטען שבת, העכסטענס מאנטאג.

דער גענעראל-שטרייק אין איטאליען.

וויטטרדיגע מאניפעסטאציעס און בלוטיגע אונרוהען.

דער אלגעמיינער שטרייק אין איטאליען.

רוים (פ.) דער שטרייק דויערט ווייטער. דער פערקעהר אויף די גאסען קומט נאר פאר אויף אווטאמאבילען און פריוואט-עקיפאזשען. ס'איז פערוועהרט געווארען אבצוהאלטען די פערזאמלונג וואס האט געזאלט פארקומען אויפ'ן סאפאלא-פלאץ. די מאניפעסטאנטען, וואס זענען אוועק אויף דעם דערמאהנטען ארט זענען פונאנדערגעטריבען געווארען פון דער פאליציי. קיין ערנסטע אינצי-דענטען זענען נישט פארגעקומען. לויט די אנגעקומענע ידיעות האט דער שטרייק זיך אויך שוין אנגעהויבען אין פאיענצא, קאמא און סאן-פיערדארעקא. אין גענוא און טורין האבען די שטרייקענדע מיט געוואלד געצוואונגען צו פערמאכען די געשעפטען. אין נעאפאל האט מען נאך קיין שטרייק נישט ערקלערט. די ארבייטער-ארגאניזאציע'ס האבען בעשלאסען אבצוהאלטען א בעראטונג.

מילאן (סס.) דאס צענטראל-קא-מיטעט פון די אייזענבאהן-אנגעשטעלטע האט בעשלאסען אויף דער נעכטינער זיצונג צו ערקלערען אנ'אלגעמיינעם שטרייק אין גאנץ איטאליען. די לעצטע צוגען קומען אן מיט גרויסע פערשפע-טיגונגען, אין פלארענץ איז דער פער-קעהר פאלשטענדיג אבגעשטעלט.

רוים (פ.) אנ'אלגעמיינער שטרייק איז ערקלערט געווארען: אין בארי, בא-לאניא, ברעשיא, פלארענץ, פארלי, גענוא, ליווארנא, מילאן, מאדענא, פארקא, פעזארא, פיזא, וויארעדזשיא, עמיליא, טשיוויטא-וועקיא, נאווינא, טורין און אין ווענעדיג. אין די מייסטען שטעדט קומט דער שטרייק פאר טייל-ווייז.

ארבייטער-דעמאנסטראציעס.

מילאן (סס.) אויף די פערזאמ-לונגען פון די שטרייקענדע האבען זיך בעטייליגט 30 טויזענד ארבייטער. נאך די פערזאמלונגען זענען פארגעקומען גרויסע דעמאנסטראציעס. פאר דער קירך און פאר'ן קעניגליכען פאלאץ זענען פארגעקומען בלוטיגע צוזאמענשטויסען צווישען פאליציי מיט די שטרייקענדע. פיעל פערזאנען זענען פערוואונדעט געווארען. ס'זענען פאר-געקומען מאסען ארעסטען צווישען די ארבייטער.

א צוזאמענשטויס פון פאליציי מיט שטרייקענדע.

פלארענץ (פ.) נאך א פראטעסט-מיטינג, וואס איז פארגעקומען אויף דעם פלאץ אינדעפענדענצא געגען די געשעהענישען אין אנקאנא האט זיך דער המון געלאזט לויפען צו דער הוי-עלפא נאס. ס'איז פארגעקומען א צוזאמענשטויס מיט פאליציי. די מאניפע-סטאנטען האבען געווארפען שטיינער אין דער פאליציי. די פאליציי האט גע-ענטפערט מיט עטליכע רעוואלווער-שאסען. בעת'ן צוזאמענשטויס איז איין פאליציי-אפיציער שווער און עטליכע פאליציסטען לייכט פערוואונדעט געווא-רען. ס'זענען פערוואונדעט עטליכע מא-ניפעסטאנטען. איין יונגערמאן איז דער-הרג'עט און צוויי אנדערע זענען פער-וואונדעט געווארען. ס'איז אנגעקומען מיליטער, וואס האט פונאנדערגעטריבען די מאניפעסטאנטען.

אנקאנא (פ.) פון די צוגען וואס געהען אב פון דאנען איז נאר ארוים-געפאהרען דער שנעל-צוג. ס'איז אב-געשטעלט געווארען דער פערקעהר אויף דער ליניע רוים—אנקאנא.

פאבריאנא (פ.) דער שנעל-צוג, וואס איז געגאנגען פון אנקאנא קיין רוים איז צוליעב דעם, וואס די רעלסען זענען בעווארפען געווען מיט שטיינער און ברעטער געצוואונגען געווען צוריק-צופאהרען אויף דער סטאנציע. א מחנה שטרייקער שטעהען נישט ווייט פונ'ם וואקזאל. ס'זענען איבערגעריסען געווא-רען די טעלעגראפען-פערבינדונגען. אין דער אומגעגענד פון דער שטאט קומען פאר אונרוהען.

א שיסעריי אין א פראצעסיע.

אנקאנא (פ.) בעת די לויות פון די קרבנות, וואס זענען אומגעקומען בעת די זונטאג'דיגע צוזאמענשטויסען האבען זיך אין דער פראצעסיע גע-הערט עטליכע רעוואלווער-שאסען. דאס האט אויסגעשאסען איינער פון המון אין פענסטער פון דער וואוינונג פון דאקטאר מארקעטי. תחלת האט מען געמיינט, אז דעם ערשטען שאס האט מען געגעבען פון פענסטער. ס'האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז ס'איז נישט אמת. דער דאקטאר וועניריא, וועלכער איז געשטאנען אין פענסטער איז פער-וואונדעט געווארען אין קאפ. ס'זענען אויך פערוואונדעט געווארען עטליכע פערזאן פון המון.

דער פארלאמענט וועגען די אונרוהען.

רוים (פ.) ענטפערענדיג אויף דער אנפראגע וועגען די געשעהענישען אין אנקאנא האט דער מיניסטער-פרעזידענט סאלאנדרא ערקלערט, אז דערוויסענדיג זיך וועגען דעם, אז די ארבייטער-פא-לאטעס פון פערשיידענע שטעדט האבען בעדעה לויט דער איניציאטיווע פון דער אנקאנא'ער ארבייטער-פאלאטע צו מאכען אנטי-מיליטערישע דעמאנסטרא-ציעס אינ'ם טאג פון נאציאנאלען יום-טוב, דעם 25 מאי, האט ער פעראר-דענט אלע פרעפעקטען נישט צו ער-לויבען די אלע מאניפעסטאציעס און די פעראנטווארטליכקייט דערפון נעהמט ער אויף זיך. (שטורמישע אפלאדיסמענ-טען, א שטארקער טומעל אויף די לינקע בענק).

לויט דער פעראָרדנונג,—ערקלערט ווייטער סאלאנדרא—זענען אין גאנצען קעניגרייך פערוועהרט געווארען די מא-ניפעסטאציעס און א חוץ אין אנקאנא זענען קיין שום אינצידענטען נישט פאר-געקומען. דער מיניסטער רעדט דאן וועגען די בעדויערליכע געשעהענישען אין אנקאנא און שטרייכט אונטער, אז די פאליציסטען, וועלכע האבען געשאסען אויף די מאניפעסטאנטען זענען ארעס-טירט געווארען און ווערען איבערגע-געבען דעם געריכט. דער מיניסטער ערקלערט אויך, אז לויט ווי די אויס-פארשונג האט פעסטגעשטעלט זענען די קאראבינערען באמבארדירט געווארען מיט שטיינער און ערשט נאכדעם ווען עטליכע פון זיי זענען שוין פערוואונדעט געווארען האבען זיי אהן שום בעפעהל געעפענט א שיסעריי.

נאכדעם האבען גערעדט די סאציא-ליסטען, ראדיקאלען און רעפובליקאנער, וועלכע האבען קריטיקירט די פעראָרד-נונגען פון סאלאנדרא'ן און האבען אויסגעדריקט זייער בעדויערן צוליעב די קרבנות וואס זענען געפאלען בעת די אונרוהען.

בעקאנטמאכונג.

דער לאדזשער יודישער וואהלטהעטיגקייטס-פעראיין ,פאמאץ' מאכט בעקאנט אז דאס איינשרייבען אין די נייע ערעפענטע מיידכען-אנפאנגס-שולע מיט האנדווערקער אבטהיילונגען וועט פארקומען היינט דאנערשטאג פון 5 ביז 7 נאכם. אין דער קאנצעלאריע פון פעראיין פאלודניאווא 20. איינגעשריבען וועלען ווערען מיידלעך נישט יונגער ווי 11 יאהר. געבורט-שיין (מעטריקא) איז אונבעדינגט נויטיג. 6419 5 4

מזומן געלד
צאהל איך פאר פעלימען פון פערזיכערונגס-געזעלשאפטען ואגאר אזעלכע, וואס מען האט מעהר נישט געצאהלט ווי איינינע ראטעס. זיך צו ווענדען ווסכאדניא 56 וועצר. 23 589

Dr. med. J. Leibowicz
ד"ר מעד. י. לייבאָוויטש
דזיעלנא 34
אסיסטענט פון פראפעסאר קיסטנער אין (ברעסלוי), האט זיך בעזעצט אלס ספעציאליסט פאר אקושעריע און פרויען-קראנקהייטען, חערנקראנקהייטען דער פרויען, שפרעכשטונדען: ביז 10 פריה און פון 4 ביז 6 נאכם. 11 7 5695

אויפצובעוואהרען מעבעל
נעזעל-שאפט "וויסלא"
אין איינענע לאגערס. ס'ווערען אויך געגעבען הלוואות אויף מעבעל.
— פערפאקונגען און ציהונגען. —
לאדז, פעטריקויער 69, טעלעפ. 28-90.
ווארשא, מארשאלקאווסקא 104, טעל. 88-66.
6332 15 9

4-х-КЛАССНОЕ МУЖСКОЕ УЧЕБНОЕ ЗАВЕДЕНІЕ
съ курсомъ прогимназій Министерства Народнаго Просвѣщенія
Л. Шакина въ Лодзи, уголъ Цегельняной № 23 и Заходней № 62. Телефонъ 27-27

פיר די נייע שילער פאנגען זיך אן די עקזאמענעס אם 1/14 יוני. די שילער, וועלכע וועלען ניט אויסהאלטען אין 2 געגענשטענדע קענען ווערען פערפערטיגט פיר אויגוסט אין דיזע געגענשטענדע אהנע יעדע צאהלונג צו-זאמען מיט די אלטע שילער, וועלכע ווערען אויך אומזאנסט אויסגעבעסערט אין זייערע נאכפרופונגען (переэкзаменовки) אויסער דעם קורס פון א פראגימנאזיום און די יודישע למודים ווירד אויך די דא-פעלטע בוכפיהרונג געלערנט. נעהערע אויסקינפטע קען מען בעקומען אין דער קאנצליי פון דעם פרא-גימנאזיום טעגליך (אויסער שבת) פון 12 ביז 2 און פון 4 ביז 6. 3 2 6724

בריעף פון ארץ ישראל.

(פון אונזער קארעספאנדענט).

די לעצטע צייט האט זיך אויף פיעל פערגרעסערט די צאהל פון די יודען, וואס קומען קיין ארץ ישראל זיך בעזעצען און נעהמען אויך מיט געוויסע קאפיטאלען, כדי זיך ווי עס קעהר צו זיין איינארדנען.

די גרויסע נאכפראגע אויף נחלאות האט ארויסגערופען א שטארקע ספעקולאציע אין גאנץ פאלעסטינא, עס האבען זיך פערמעהרט מעקלערס און קויף-ספעקולאציעס און דער פרייז פון דער ערד אין ארץ ישראל ווערט אזוי ארום מיט יעדען טאג אלץ מעהרער.

דאס דאזיגע יאגעניש נאך פערדינסטען ביי די ערד-קניות און דאס אונגעהייערע אויפשרויפען פון די פרייזען, וועלכע זענען נישט ענטשפרעכענד מיט די סאציאל-עקאנאמישע בעדינגונגען, דאס אלץ קאן ברענגען צו א גרויסען ווירטשאפטליכען קריזיס.

כדי א קריזיס אויסצומיידען האט דער ועד פון „תל אביב" געגרינדעט א צענטראלען ארגאן, וועלכער וועט זיך פערנעהמען מיט'ן רעגולירען די קניות פון ערד אין יפו און וועט אבהיטען, אז ביים פערקויפען נחלאות זאלען נישט געטריבען ווערען קיין ספעקולאציעס.

די יודישע באנק-אינסטיטוציעס האבען אויך בעשלאסען נישט ארויסצוגעבען קיין שום הלוואות אויף קניות, וואס וועלען פון דעם צענטראל-ארגאן נישט בעשטעטיגט ווערען.

דער צענטראל-ארגאן האט די טעג אבגעהאלטען זיין ערשטע זיצונג און דערווייל בעשלאסען אין יפו גופא קיין שום נייע קניות נישט צו מאכען, כדי אזוי ארום די פרייזען פון די גרונד-שטיקער צוריק צו ברענגען צו זייער נארמאלען צושטאנד.

*

די טעג איז אין יפו אין לאקאל פון יודישען גימנאזיום אבגעהאלטען געווארען אן'אלגעמיינע פערזאמלונג פון די איינוואוינער פון „תל אביב", כדי צו בעטראכטען פערשידענע פראגען, ווי אזוי אויסצובעסערן דעם סאניטארען, היגיענישען און געזונד-צושטאנד פון די איינוואוינער א. א. וו.

מיט א פאר חדשים צוריק איז שוין פארגעקומען א פערזאמלונג פון די איינוואוינער פון „תל אביב" און דאן האט מען אויסגעקליבען א ועד, וועלכער האט געדארפט פערשידענע זאכען ערלעדיגען און דורכפיהרען, אויף דער איצטיגער פערזאמלונג האט מען שוין אויסגעהערט א בעריכט פון ועד.

די פערזאמלונג האט געעפענט דער פרעזעס פון ועד, ה' דיזענהאף און אלס פארזיצענדער איז אויסגעקליבען געווארען ה' מרדכי בן הלל הכהן.

ה' דיזענהאף גיעט דאן אב א בעריכט פון דער טהעטיגקייט פון ועד פאר דער לעצטער צייט. ער דערצעהלט, אז דער ועד האט ארויסגעגעבען א סוב-סידיע לטובת דעם בנין פאר'ן גן הילדים, וואס מען בויט אויס אין „תל אביב", ער האט אויך אסיגנירט 1000 פראנק פאר'ן פאנד צו בויען א לופט-שיף, וואס די יודישע בעפעלקערונג וויל שענקען דער טערקישער רעגירונג; דער ועד האט בעשטימט א ספעציעלען דאקטאר אכטונג צו געבען אויף דער סאניטאר-היגיענישער זייט פון קווארטאל א. אז. וו.

נאכ'ן בעריכט זענען פארגעקומען שטארקע דעבאטען וועגען די בעציהונגען צווישען די הויז-בעזיצער, און די לאקאטארען, וועלכע האבען זיך די לעצטע צייט פערשארפט, עס איז בעשלאסען געווארען אויסצוקלייבען א קאמיסיע פון 6 פערזאן, וועלכער זאל אויסגלייכען אלערהאנד סכסוכים, וואס וועלען פארקומען צווישען די בעלי בתים און זייערע שכנים און בכלל מאכען נארמאל די אנגעצויגענע בעציהונגען.

אין א פאר וואכען ארום וועט פארקומען א נייע אלגעמיינע פערזאמלונג אויף צו בעהאנדלען די פראגע וועגען גרינדען א שטאדטישע קרעדיט-געזעלשאפט, בויען א הויז פאר די שילער פון גימנאזיע א. אז. וו.

* *

ווי ווייט די יודישע שומרים אין ארץ ישראל האבען בעקומען א נאמען פון טיכטיגע, מוטיגע וועכטערס, בעווייזט פאלגענדער פאקט: נישט ווייט פון יפו איז פאראן א גרויסע דייטשע קאלאניע מיט'ן נאמען „שרונה", וואו עס זענען ביז לעצטענס געווען אנגעשטעלט אראבישע שומרים. איצט האט דער ועד פון דער דייטשער קאלאניע אבגעדרוקט א מודעה אין אלע ארטיגע יודישע צייטונגען, אז זיי זוכען גוטע יודישע שומרים פאר א היבשען געהאלט. עס האט זיך אויך שוין איין יודישער שומר פון פתח תקוה געמעלדעט און אויך אויפגענומען געווארען אלס וועכטער אין דער דייטשער קאלאניע.

דאס איז דער פאקט, וועלכער האט אנ'אונגעהייערע בעדייטונג פאר'ן יודישען ישוב בכלל און פאר די יודישע שומרים בפרט.

נאך גארנישט לאנג איז די צייט, ווען מען פלעגט אין יודישע קאלאניעס זיך נישט וועלען פערלאזען אויף יודישע וועכטערס. איצט זענען געקומען דייטשען און האבען געגעבען זייער הסכמה אויף יודישע שומרים און אגב אורחא אויך מודה געווען אין דער פעהיגקייט פון יודען צו א ישוב.

אזוי ארום איז שוין דער יודישער ישוב אנערקענט געווארען פון דער טערקישער רעגירונג און איצט אויך פון די שטארקע און פעהיגע דייטשען.

און דאס איז פאר אונז זעהר וויכטיג!

ירושלים, מ. ז. נאטהארד.

קאלישער שטיקעריען

אויפ'ן פונט, ווי אויך אבשניטע, זענען צו בעקומען צו שפאט-ביליגע פרייזען.

713 וואלטשאנסקא שטר. 43, וואהנ. 39. 3 3

קליינער פעליעטאן.

אלץ צוליעב געלד...

אבי מען זאגט, די היסטאריושע מאטעריאליסטען זענען נישט אין גאנצען גערעכט... נאר, איהר זאלט עס נישט גלויבען — זיי זענען גערעכט און זייער תורה איז גערעכט; וואס זיי זאגען איז הייליג, תורות לאקשען...

מיט יעדען טאג איבערצייג איך מיר אלץ מעהר, אז דער עיקר איז געלד; אלעס אנדערע איז — בלעטער שבבלעטע! קיין שפעק טאבאק נישט ווערט, קען אויסגעבלאזענע איי נישט אפילו...

וואס מיר עסן, ווער מיר נייסט, ווען מיר אורעטען און וואו מיר אורעטעלען — אלץ טהוט מען צוליעב „עקאנאמיק", אלץ ווערט געמאכט צוליעב געלד...

זעהסטו איינעם, וואס רעדט הענגען חויבע מאטעריעס, פאנטאזירט, שמועסט מכח חומעל-זאכען און טענה'ט כסדר, אז ער איז אויסען נאר יענער וועלט — זאלסטו איהם נישט גלויבען.

די דארפסט מיט איהם קיין ספק טענות נישט האבען, גיעב איהם א צוח פאר'ן ארבעט און ער וועט דיר באלד מודה זיין אז אלץ איז בלויז אנ'אנשטעל און דער עיקר — איז געלד...

אין פערגלעצט עטוצער דו איינעם, טהוט זיך אן א טלית פון כלו תכלת, רעדט כסדר וויינען נאך, שטעלט ארויס אויף שרוט און טרוט זיין פרומקייט און זיין עהרלוכקייט, זיין אמת-זוכעניש און זיין צוועהטאגט הארץ אויף גלות השכינה — זאלסט נישט קיין גרויסער מאמין און איהם...

דערמאהן זוך, אז היינטיגע צייטען טהוט מען גארנישט לשם שמים און אז פרומקייט איז אויך אזא עסק ווי אלע אנדערע געשעפטען...

דערלאנג איהם א שאקעל ביי'ם קאלנער און ער וועט זיך דור טורח זיין, אז דער עיקר — איז געלד...

און וועסטו הערען פון א קהילה-גרעבלער, וועלכער קעהרט וועלטען, ניעט אב זיין געזונד און זיינע כחות פאר כלל-זאכען, לאנט אוועק זיין לעבען פאר ארמע און קראנקע, טאנצט אויף אלע קהל'שע חתונות, שטופט זיך אומעטום, שארט זיך ארום דעם טאפ. פון אלע חברות ובחנה ובחנח — וועסטו אויך זיין א גאנץ עהרליכער יוד, ווען דו וועסט איהם א גוטעל נאכקוקען...

און ווען דו וועסט דעם דאזיגען „בעל טובה" נעהמען אויפ'ן צומבעל און א ביסעל ציקיקעשטען צי דער וואנד, וועסטו זיך לייכט איבערצייגען, אז דער עיקר — איז געלד...

קימט א רוסישער „נאציאנאליסט" און שרייט אויף אלע וועגען און שטענגען מכח זיין ליעבע צו דער „עטעשעסטווא", שטעלט ארויס אומעטום אלס רעקלאמע זיין „פאט-ריאטיזם", בערוהמט זיך מיט זיין שנאה צו די „אונאראדצעס". שוט פעך און שמייבעל אויף די פראגרעסיסטען — זאלסטו געדענקען, אז צוליעב עולם הבא ווערט טען נישט קיין „פאטריאט".

און ווען דו וועסט איהם באפען און א ווינקעלע, אדער איהם טרעפען און א בגלופינ'דיגען צושטאנד, וועט ער דיר אליין עפענהערציג מודה זיין, אז דער עיקר — איז געלד...

און הערסטו ווי א פוילישער „נאראדא-וועץ" פראגרעסיוו וועגען „פאלסקאשטש", ווערט חייזעריג שרייענדיג וועגען זיינע הויכע געפיהלען צום „נארוד", מאכט „ווספולקעס" צוליעב די נאראדאווע אונטערנעהמען, רופט אויף אלע גאסען „סוואי דא סוואיעגא", העצט געגען יודען צוליעב „פאטריאטיזם" און האלט און איין ראטעווען דאס פאטערלאנד — פערקנעפעל זיך דעם ראק, ווען ער קומט א ביסעל נעהענטער צו דיר...

די דארפסט לאנג נישט קלערען, די קענסט זיך לייכט איבערצייגען, אז אלץ ווערט געטהון צוליעב דער קעשענע, אז דער עיקר ביי'ם נאראדאוועץ — איז געלד...

יא, טויזענד מאל יא — די היסטאריושע מאטעריאליסטען זענען גערעכט און זייער תורה איז הייליג!

וואס מיר עסן, ווער מיר נייסט, ווען מיר אורעטען און וואו מיר אורעטעלען — דער עיקר איז געלד!

אלץ ווערט געטהון צוליעב געלד.

רזיאל.

א קינדער-רעפובליק אין ענגלאנד.

א מערקווירדיגע סאציאלע איינריכטונג עקסיסטירט אין ענגלאנד שוין א לענגערע צייט, פון וועלכער מען הערט אין אייראפא נאך זעהר וועניג: — א קינדער-רעפובליק. איצט האט די רעפובליק צוגעצויגען אויף זיך די אלגעמיינע אויפמערקזאמקייט דורכדעם, וואס האט איהר פערפעהלט געלד.

די גרינדער פון דער קליינער קינדער-רעפובליק פון באטאמב אין דער ענגלישער גראפשאפט דאזעט, האבען זיך געווענדעט מיט א דרינגענדער בעטע צו זייערע לאנדסלייט וועגען א אינטערשטיצונג: זיי נויטיגען זיך אין 100 טויזענד קראנען, כדי צו פערגרעסערן די קינדער-רעפובליק, אויף נייע הייזער און געשעפטען צו בויען.

די דאזיגע קינדער-רעפובליק איז ספעציעל בעגרינדעט געווארען פאר היימלאזע און פערווארפענע קינדער, וועלכע האבען אין דער יוגענד שלעכטע פערברעכערישע נייגונגען. די גרינדער פון דער רעפובליק זענען געקומען צו דער איבערצייגונג, אז ביי די קינדער קען מען אויסווארצלען די שלעכטע נייגונגען דערמיט, וואס מ'וועט זיי איבערגעבען אזעלכע אינטערעסען, פאר וועלכע די קינדער זאלען אליין פיהלען זייער פעראנטווארטליכקייט.

די גרינדער איז, אלזא, געקומען דער אריגינעלער געדאנק צו גרינדען א ספעציעלע קינדער-רעפובליק. די דאזיגע רעפובליק עקסיסטירט שוין א לענגערע צייט; די רעגירונג בעשטעהט פון קינדער. אין די געריכטען זיצען קינדער-ריכטער און אין פארלאמענט געבען די קינדער-דעפוטאטען ארויס זייערע איינענע געזעצע. די רעפובליק האט א פאלשטענדיגע אויטאנאמיע און איהר איינען געלד פון אלומיניום.

די רעזולטאטען פון דער קינדער-רעפובליק זענען זעהר גוטע. די קינדער ארבייטען אזוי פלייסיג און זענען אזוי איבערגעגעבען זייער רעפובליק, אז ביי זיי איז ווירקליך נישט צו בעמערקען קיין שום פערברעכענס, אויב ס'קומען ביי זיי פאר פראצעסען, האנדעלט עס זיך נור וועגען קלייניגקייטען און די שטראפען זענען אויך קליינע און לייכטע, ווי צום ביישפיעל: קליינע געלד-שטראף, שטראף-ארבייטען בעת דער פרייער צייט, פריה אויפשטעהן; די גרעסטע שטראף איז — א קאלטע באד.

אלע יונגלעך פון דער רעפובליק זענען בעשעפטיגט מיט לאנדווירטשאפט און די מיידלעך — אין די הייזער. פאר יעדער ארבייט-שעה בעקומען די יונגלעך און מיידלעך א גלייכען לוין — 25 העלער. פאר די פערדינסטען מוזען די קינדער פון דער רעפובליק זיך שפייזען און דאס איבריגע געלד, וואס זיי בלייבט, מוזען זיי אבלעגען אין א שפאר-קאסע, וועלכע געפינט זיך אונטער דער אויפזיכט פון א 14-יעהריגען פינאנץ-מאן.

אין פערלויף פון די 9 יאהר, וואס די קינדער-רעפובליק עקסיסטירט, האט זי זיך שוין אויף אזוי פיעל ענטוויקעלט, אז איצט מוזען די גרינדער זי פערגרעסערן.

אין ענגלאנד האט מען זיך פרייוויליג אבגערופען אויף דעם אויפרוף פון דער רעפובליק, און ס'איז קיין ספק ניט, אז מען וועט שאפען דאס נויטיגע געלד אין א קורצער צייט.

וועלט-נייעס.

כינעזישע ים-רויבער.

די כינעזישע פיראטען (ים-רויבער) האבען אין די פריהערדיגע צייטען געהאט א שם-דבר. צעהנדליגער יאהרען האט מען זיי געקעמפט די רעגירונג, און מ'האט געמיינט, אז מ'האט זיי שוין פערטיליגט. אבער ווי ס'שטעלט זיך ארויס זענען זיי נאך ביז'ן היינטיגען טאג פאראן. די פיראטען פאהרען געוועהנליך ארום אויף איינענע שיפען. אין מיטען וואסער ווערט פון די ברעגעס לויערן זיי אויף די שיפען וואס קומען אן, בעפאלען זיי און בערויבען זיי און ווערען פערשוואונדען. אפט מאל אבער פערקלייבען זיך א גרויסע צאהל פיראטען אויף א שיף, וואס געהט קיין אייראפא, און אין מיטען ים פאלען זיי פלוצלונג אן אויף די פאסאזשירען, שיסען, מארדען און ראבעווען און אנטלויפען אויף קליינע שיפלאך. די טעג איז פארגעקומען אזא פאל. אויף דער שיף „מאי-אן", וואס איז אבגעפאהרען פון האנגקאנג, האבען זיך געפונען בערך 100 פיראטען. דעם קאפיטאן איז אפילו ניט איינגעפאלען חושד צו זיין, אז דאס זענען ים-רויבער. אין א פאר שעה ארום ווי די שיף איז אבגעפאהרען, זענען אבער די רויבער אנגעפאלען אויף דער שיפס-קאמאנדא מיט געווער אין די הענד און האבען ארויסגערופען א שרעקליכע פאניק. צום גליק האבען זיך געפונען אויפ'ן שיף ענגלישע מענשען, וועלכע האבען אין איינעם מיט די מאטראסען געגעבען א ענערגישען ווידערשטאנד די רויבער. די שיף האט אנגעהויבען צו געבען סיגנאלען, און אז די פיראטען האבען דערזעהען, אז זיי זענען שלעכט ארייננעפאלען, האבען זיי אונטערגעצונדען די שיף פון אלע זייטען. ס'איז געווארען א שרעקליכע מהומה, אבער צום גליק זענען צוגעקומען צוויי שיפען צו הילף. די פיראטען זענען אויף רעטונגס-שיפלאך אנטלאפען, א טייל פון זיי האט מען ארעסטירט, איינינע זענען דערטרונקען געווארען שפרינגענדיג אין וואסער ארויין. פון די פאסאזשירען זענען דריי דערשאסען געווארען און איינינע האט מען פערוואונדעט. די איבריגע האט מען געבראכט קיין האנגקאנג.

* *

א מאהלצייט ביי מערי-דעל-וואל.

דער סעקרעטאר פון פאפסט פיוס X, קארדינאל מערי-דעל-וואל שטאמט אליין פון א רייכער און אנגעזעהענער אריסטאקראטישער פאמיליע אין שפאניען. און ער האט דעריבער ליעב צו שפילען ביי יעדער געלעגענהייט די ראלע פון א „גראנד סיניאר". די טעג האט מערי-דעל-וואל איינגעארדנעט א גרויסארטיגע מאהלצייט לכבוד די 14 נייע קארדינאלען, וואס האבען נאר וואס בעקומען דעם הויכען טיטעל, און לכבוד דער פייערונג פון געבורטס-טאג פון פאפסט. ווי די איטאליענישע צייטונגען שרייבען, האט מען אזא מאהלצייט מיט אזוי פיעל לוקסוס און פראכט שוין ניט געזעהען אין רוים. זינט פון דער צייט פון „רענעסאנס", ד. ה. פון 15-טען יאהרהונדערט אן, ווען די רוימישע אריסטאקראטיע פלעגט איינארדנען פעסטען און פערוויילונגען מיט'ן גרעסטען לוקסוס, וואס מען קען זיך נאר פארשטעלען. דער מאהלצייט פאר די קארדינאלען איז פארגעקומען אין פאלאץ בארדושיא, די צימערן זענען געווען בעהאנגען מיט די טייערסטע טעפיכען, וואס שטאמען פון דער רענעסאנס-צייט און וועלכע ווערען געוועהנליך געהיט אין א בעזונדערער קאמער אין וואטיקאן. אויסערדעם איז דער פאלאץ בעפוצט געווען מיט די וועלטבערימטע און טייערסטע בלומען און געוויקסען. געגעסען האט מען אויף גאלדענע טעלער און מיט גאלדענע גאפעל-מעסער און דעם ווייך האט מען געטרונקען אין גרויסע גאלדענע בעכערס. בעת ביי מערי דעל-וואל'ן איז פארגעקומען אזא מאהלצייט מיט אזוי פיעל גלאנץ און לוקסוס האט דער פאפסט מיט זיינע שוועסטער ביי זיך אין וואטיקאן געגעסען א איינפאכען מיטאג מיט איינפאכע געשיר, ווי ער פיהרט זיך געוועהנליך.

די נאטירליכע שעהנהייט.

אזוי ווי פאעטען אזוי אויך די מאלערס האבען כסדר געריהמט די שעהנהייט פון דער פרוי. פון די מיטעלסטע צייטען האט מען זיך געשפארט וועגען דעם, וואס ווירקט מעהר, אין דעם פאל, אויף אונזער פאנטאזיע: אדער די שעהנהייטס-ציגע, אדער געשטאלטס-שעהנהייט. אט שטעלט איין פאר, אז פון 20 פרויען זענען ווייניגסטענס 15 שעהנע, וועהרענד קוים 2 פון דער צאהל האבען זיך אויסגעצייכענט מיט זייער ריינע קערפער-שטריכען. די גריכישע שעהנהייטען, וועלכע ווערען מיט רעכט גערעכנט אונטער'ן שוץ פון פאר-פאלקאמענהייט, האבען גענומען אלס מוסטער פון זייער שעהנהייט נישט די שעהנהייט פון די שטריכען, נור די ריינהייטס-פארם, די גריכישע סטאטוען ווידער, וועלכע זענען געבליעבען פון יענע צייטען, זענען יעצט דאס געגענשטאנד פון אונזער ענטציקונג, זיי פערכשופ'ן אונז מיט זייער גראציעזער פארם; בעטראכטענדיג דאס, וועט מען זיך נישט וואונדערען, וואס פיעל פרויען געבען זיך די מיהע צו ענטוויקלען זייערע געשטאלטען, כדי צו געווינען די שעהנהייט, מיט וועלכער די נאטור האט זיי אפט אזוי ווייניג בעשענקט.

מעהרסטענטיילס ווערען די פרויען ביוסטען נישט געהעריג ענטוויקעלט אין דער ריכטיגער פארם, דעריבער איז נישט קיין וואונדער, וואס פון שטענדיג אן האבען עקזיסטירט פערשיעדענע מיטלען, מעהר אדער ווייניגער ענטשפרעכענדע צו ענטוויקלען דעם ביוסט. צווישען זייער צאהל, זענען דאך ליידער זעהר ווייניג פאראן ווירקזאמע, א גליק; ווען איינס פון זיי וועט זיך ווייניגסטענס ארויסווייזען פאר נישט שעדליך פאר'ן געזונד. אונזערע לעזערינס, אלס אינטעליגענטע פרויען, שטרעבען אונבעדינג צו בענוצען דעם אויספראבירטען און גלייכצייטיג דאס אנערקענטע מיטעל. צווישען די אלע צייכנעט זיך אויס נור איין מיטעל מיט'ן גרויסען ווערטה. דאס זענען די אזוי גערופענע „מארבאר-פילען". די „מארבאר"-פילען, וועלכע זענען געקראנצט מיט א 50 יעהריגען ערפאלג, ענטהאלטען אין זיך אלע מעלות, אזוי נויט פאר דער ענטוויקלונג, אזוי אויך פאר דער ערהאלטונג פון ביוסט ווי אויך צו פערשטארקען דאס געזונדהייט. זיי ווירקען מיט א גלייכען רעזולטאט ביי יונגע מיידלעך, וועלכע זענען איבערשפאנט צו פריה, ווי אויך ביי יונגע דארע פרויען, אויך איז עס עמפפעהלט פאר יונגע פרויען, וועלכע זענען ערמידעט פון צופיעל זייגען.

די ווירקונג, וואס בעאיינפלוסט ספעציעל אויפ'ן ביוסט, שאדעט נישט דער פיגור און ס'איז נישט דא קיין שום גרונד מורא צו האבען, אז מען וועט דיק ווערען. די „מארבא"-פילען ווירקען אויף דער ענטוויקלונג ווי אויך אויף דער ביוסט-הייבונג, וועלכע האלט זיך, זייענדיג נישט געקינסטעלט, אויך נאך דער היילונג.

מיר האלטען עס פאר א חוב בעזונדער אויפמערקזאם צו מאכען אונזערע לעזערינס אויף דעם אויסערגעוועהנליכען פראדוקט.

Pilules „Marbor" J. Ratié, Pharmacien, 5 Passage Verdeau, (Fbg. Montmartre) Paris.

דער אויסשליסליכער פערקויף אויף קעניגרייך פוילען און רוסלאנד:

לעאן בערנהארד עט זאהן, ווארשוי, ווארעצקא 9.

צו בעקומען אין אלע אפטייקען און אפטייק-סקלאדען.

5719

די פערפידרטע מוטער

אדער

די אומגליקליכע טאכטער.

א שפאנענדער ראמאן פון לאדזער לעבען.

16)

17. אייפערזוכט.

מאקס האט אנגעהויבען געזונד צו ווערען, ער האט פערגעסען די צרות און יסורים, וואס ער האט איבערגעלעבט, די דאגות זענען אוועק, די טרויעריגע פריהערדיגע שטימונג איז פערשוואונדען געווארען, דאס געשעפט איז אוועקגעגאנגען ווי מ'דארף נאר ניט בעסער.

ס'איז ווידער אריינגעקומען א לעבען און א פרעהליכקייט, ווי אין די פריהערדיגע צייטען — די געפאהר איז אריבער. די פירמע לעא בלומענטאל איז איצט געשטאנען פעסט און זיכער ווי אין די אלטע גוטע צייטען.

אין דער שטאדט האט מען זיך אפילו נע'סוד'עט און זיך אויפ'ן אויער דערצעהלט פערשיעדענע מעשיות, אבער ווען עס האט געארט און ווער האט זיך צוגעהערט דערצו. אין לאדז איז מען געוועהנט צו אזעלכע זאכען.

ווען מען זאל זיך אבער געוואגט גוט צוקוקען צו מאקס בלומענטאל'ס פאמיליען-לעבען וואלט מען דאך געזעהען, אז דאס שטיקעל שלעכטע צייט האט אריינגעבראכט א גרויסע פערענדערונג אין די בעציהונגען צווישען מאן און ווייב.

דארא האט זיך אנגעהויבען פיהלען ווי א פרעמדע ביי זיך אין שטוב; צו איהר מאן איז זי וואס א מאל געווארען גלייכגילטיגער און קעלטער. זי האט זיך ניט אינטערעסירט מיט זיינע געשעפטען און האט אפילו קיינמאל ניט נאכגעפרעגט, צי ס'איז גוט אדער שלעכט.

ארטור פריים איז געווארען אנ'אפטער גאסט ביי זיי אין הויז; זעלטען א מאל פלעגט ער ברענגען מיט זיך זיין פרוי, דאס רוב אבער פלעגט ער קומען אליין און פערברענגען מיט דארא'ן, לאכען און שפאסען און איינלאדען זי אין טעאטער ארײַן.

מאקס האט פריים'ן קיינמאל ניט ליעב געהאט, אבער פון דאנקבארקייט, וואס ער האט איהם געראטעוועט דאס לעבען און דעם כבוד פון דער פירמע איז ער מיט איהם זעהר ליעבענסווירדיג געווען און פלעגט איהם פריינדליך אויפנעהמען.

אבער מיט דער צייט האט ער אנגעהויבען צו פיהלען, אז ער האסט איהם, אז ער האט זאגאר מורא פאר פריים'ן. פון וואנען דאס דאזיגע מערקווירדיגע געפיהל האט זיך גענומען צו איהם האט ער זיך ניט געקענט אבגעבען קיין רעכנונג, אבער ווען פריים פלעגט קומען צו זיי פלעגט שוין מאקס געפינען א תירוץ און אוועקגעהן פון דער היים.

טיעף אין הארצען ביי איהם האט זיך דאך אנגעהויבען בילדען א חשד, עפיס עהנליכעס אויף אייפערזוכט. אבער זייענדיג שטענדיג פערנומען מיט זיינע געשעפטען האט ער קיין צייט ניט געהאט זיך צוצוהערען צו דער שטימע פון זיין הארץ, וועלכע האט איהם געזאגט, אז ער פערליערט זיין געליעבטע פרוי, אז די עהרע פון זיין פאמיליע איז אין געפאהר.

נאר אין רוהיגע מאמענטען, ווען ער פלעגט זיך ארבאווארפען אויף א וויילע דעם עול פון די געשעפטען, פלעגט דאס געפיהל פון אייפערזוכט ארויסשווימען אויבען אויף, און דעמאלט האט ער איבערגעלעבט אזעלכע שרעקליכע לייידען, ווי מ'האלט זיין נשמה נעפייניגט מיט גליהענדיגע צוואנגען.

מאקס האט געהאט א גרונד אייפערזיכטיג צו זיין צו דארא'ן. זי פלעגט עפטערס פערשוואונדען ווערען פון דער היים אויף א האלבען טאג, זי האט אבגעלאזט דאס הויז, פערגעסען אין די קינדער און בכלל איז זי פרעמד געווארען צו איהם און צום גאנצען הויזגעזינד.

דאס האט נאך מעהר פערשטארקט אין איהם די אייפערזוכט. אבער דאך האט ער זיך מיט אלע קרעפטען געשטארקט צו פערטרייבען פון זיך די שלעכטע געדאנקען. יעדעס מאל, ווען ער האט זיך איבערצייגט, אז דארא האט פערבראכט ביי זיינע בעקאנטע, האט ער געהאט א טעות, וואס ער האט געטראכט אויף איהר שלעכטס. פלעגט ער זיך מאכען א פארוואורף און זיך טרייסטען און בערוהיגען, אז דער חשד איז געווען אומזיסט. ער פלעגט זיך אליין איינרעדען, אז נאר די אויסערגעוועהנליכע ליעבע צו איהר מאכט איהם אייפערזיכטיג און ער פלעגט זיך היטען ניט ארויסצוווייזען איהר קיין שום פערדראס און ניט פערשאפען איהר קיין עגמת-נפש דורך א אונפארזיכטיג ווארט.

אבער געליטען האט ער גענוג, און איינמאל האט ער איבערגעלעבט א סצענקע, וואס האט ווידער א מאל מיט א דאפעלטער קראפט רערעקט אין איהם דאס געפיהל פון אייפערזוכט און צומישט זיינע געדאנקען.

מאקס איז געקומען מיט דארא'ן אין טעאטער. בעת דער פויזע איז ער ארויסגעגאנגען פון דער לאזשע און האט זיך ביי דער טיר אבגעשטעלט מיט א גוטען פריינד רעדען. אבער דא האט ער פלוצלונג דערזעהען, ווי פריים איז אריינגעקומען אין זייער לאזשע. מאקס איז געבליעבען שטעהן ווי א צומישטער, ער האט שוין ניט געהערט וואס מען רעדט צו איהם און האט אנגעשטרענגט אלע זיינע חושים אום צו הערען און צו זעהען וואס אין דער לאזשע טהוט זיך. און געזעהען האט ער, ווי פריים האט עטליכע מאל א קוש געטהון דארא'ן אין דער האנד און ווי זיי האבען פרייע אין א דונקעל ווינקעל פון דער לאזשע געפיהרט צווישען זיך א לעבהאפטען געשפרעך. מאקס'ן האט זיך אויסגעוויזען, אז ער הערט פון ווייטענס וואס פריים רעדט צו זיין פרוי, אז ער מאכט איהר א ליעבע-ערקלערונג, און איהם האט זיך געדאכט, אז זי שטראהלט פון פרייד און איז גליקליך וואס ער רעדט צו איהר אזוי. א געפיהל פון צארן און פון ראכע האט זיך אנגעצונדען אין איהם און ער האט זיך אוועקגעלאזט צוריק אין דער לאזשע. ביי'ם אריינגאנג אין דער לאזשע האט ער זיך בעגעגענט מיט פריים'ן, וועלכער איז גראד ארויסגעגאנגען. מאקס האט זיך איינגעקנייצט אויף זיין פלאץ און האט קיין ווארט ניט אויסגערעדט דעם גאנצען אווענד.

געקומען איז ער א היים א פערשלאגענער, א דערשלאגענער און בעמיהענדיג זיך צו בעהערשען זיין אויפרעגונג האט ער זיך אנגערופען צו דארא'ן מיט א געקינצעלטער רוהיגקייט:

— איך קען דעם מענשען ניט לייידען. איך קען איהם ניט פערטראגען דעם פערזאן. וואס קומט ער אהער? וואס בעט ער איהם?

מעהר האט ער ניט געזאגט. ער האט דאך געוואלט שאנעווען איהרע געפיהלען און איהר ניט ארויסווייזען זיין אייפערזוכט. אבער דארא האט איצט צום ערשטען מאל פערשטאנען, אז איהר מאן איז חושד, אז זי איז ניט גלייכגילטיג צו פריים'ן.

אויף מארגען איז מאקס געקומען א היים פונקט ווען דארא איז געשטאנען און האט געלייענט א בריוועל. דארא האט א דערשראקענע בעהאלטען דעם בריעף.

— וואס האסטו דארט? — איז מאקס צוגעשפרונגען צו איהר.

— גאר ניט, — האט זי געזאגט, — א בריעף פון מיינער א פריינדין!

— ס'איז א ליגען — האט מאקס אויסגערופען, — ווייז מיר דעם בריעף...

— אזוי גאר, — האט דארא געענטפערט מיט א ציטערדיגער שטימע אין רויט געווארען, — דו האסט שוין גאר א פערדאכט אויף מיר... אזוי גאנצלען בין איך ביי דיר?...

און זי האט איהם א ווארף געטהון דאס בריוועל. מאקס איז געריהרט געווארען פון איהרע רייד, א קוק טהוענדיג אויף איהר נאאיוו געזיכט און אויף איהרע אונשולדיגע אויגען האט ער זיך פערשעמט און איהר אבגעגעבען דעם בריעף, ניט איבערלייענענדיג אפילו. דארא האט צוריסען דעם בריעף אויף שטיקלאך.

דאס איז געווען א ליעבע-בריוועל פון ארטור פריים.

(פארזעצונג קומט).

וואס הערט זיך אין לאדז.

די אבדייזע פון היגען פאליציימייסטער.

נעכטען 11 א זייגער אין דער פריה איז דער היגער פאליציימייסטער קאפיטאן טשעסנאקאוו ארויסגעפאהרען אויף א 2 מאנאטליכען אורלויב פון לאדז, ער איז ארויסגעפאהרען קיין מאיא־ענהאף ביי ריגא.

אויפ'ן קאלישער וואקזאל, פון וואנען ער איז אוועקגעפאהרען, האבען זיך צוזאמענגעקליבען: דער געהילף־פאליצייסטער קאפיטאן מיאטשקאוו, דער נאטשאלניק פון רעזערווע־פאליציי נאוויקאוו, דער נאטשאלניק פון געהיים־פאליציי ראכמאנינאוו, אלע פריסטאוועס און פיעל אנדערע פאליציי־בעאמטע. דער פאליציימייסטער האט זיך מיט אלע פערזאמעלטע פריינדליך געזעגענט.

אנ'אנקלאגע אויף דער לאדזער יודישער גמינע.

(ג) צווישען די פיעל אנקלאגעס, וואס ס'זענען אין דער לעצטער צייט אבגעשיקט געווארען אויף דער יודישער גמינע, איז איצט צוגעקומען א פאלשטענדיג נייע אנקלאגע.

אזוי האט דער גובערנאטאר די טעג בעקומען פון א גרופע לאדזער בירגער אנ'אנקלאגע, אז די גמינע האלט ביי זיך געלדער, וועלכע זענען איהר איבערגעגעבען אלס פאנד פאר צדקה־פעראיינען, וואס די גמינע האט לויט זייער מיינונג, נישט קיין רעכט.

אין צוזאמענהאנג מיט דער אנקלאגע האט זיך די גובערנסקע פערוואלטונג געווענדעט וועגען דעם מיט אנ'אנפראגע צו דער יודישער גמינע, וועלכע האט געענטפערט, אז לויט'ן געזעץ מעג די גמינע יא איבערנעהמען נדבה־פאנדען.

א נייער צוג ווארשא—לאדז.

צוליעב די פערד־ווינשטשיגעס, וועלכע הויבען זיך אן אין קורצען אין לאדז און דער פאסאזשיר־פערקעהר וועט געוויס פערגרעסערט ווערען, האט די פערוואלטונג פון דער ווארשא־ווינער־באהן בעשלאסען אין די טעג פון 14, 21 און 28־טען יוני נ. סט. צו לאזען אין גאנג ספעציעלע צוגען מיט וואגאנען פון ערשטער און צווייטער קלאס. די דאזיגע צוגען, וועלכע וועלען האבען א גלייכע פערבינדונג קיין לאדז, וועלען פון ווארשא ארויסגעהן 9 א זייגער מיט 38 מינוט אין דער פריה און אנקומען קיין לאדז 12 א זייגער מיט 27 מינוט ביי טאג.

צוריק קיין ווארשא וועלען די צוגען ארויסגעהן פון לאדז 8 א זייגער מיט 21 מינוט אין אווענד און אנקומען קיין ווארשא 10 א זייגער מיט 55 מינוט אויף דער נאכט.

וועגען מאי־אויספלוג פאר יודישע קינדער.

(ג) דער מאי־אויספלוג אין שטארמישען וואלד פון די שילער פון די יודישע עלעמענטאר־שולען איז צוליעב'ן אונזיכערן וועטער אבגעלעגט געווארען אויף קומענדיגען מאנטאג.

דעם טאג מוזען זיך די שילער פון די עלעמענטאר־שולען פערזאמלען אין זייערע שולען ארום 1 א זייגער ביי טאג פון וואנען זיי וועלען מיט א מארש געהן אין וואלד אריין. דארט וועט שפיעלען א מיליטער־ארקעסטער און די קינדער וועלען בעקומען פערשיעדענע איבערראשונגען און זיסקייטען.

זומער־קאלאניעס פאר יודישע קינדער.

(ג) קומענדיגען זונטאג קומט שוין צוריק קיין לאדז די ערשטע פארטיע 120 קינדער פון דער זומער־קאלאניע „קושיוושובקע". די צווייטע פארטיע פון 120 קינדער: 60 יונגלעך און 60 מיידלעך וועט מען ארויסשיקען קומענדיגען דינסטאג.

קומענדיגען מאנטאג שיקט די געזעלשאפט אויך ארויס קיין טשעכאטשינעק די ערשטע פארטיע 40 קינדער. די פערשריבענע קינדער מוזען קומען זונטאג ארום 1 א זייגער ביי טאג צו א דאקטוירים־קאנטראל אין יודישען „דאפראטשינאשץ" און מאנטאג ארום 6 א זייגער אין דער פריה אהין אבצופאהרען קיין טשעכאטשינעק.

פון דער יודישער עמיגראציאנס־געזעלשאפט.

די פערוואלטונג פון דער יודישער עמיגראציאנס־געזעלשאפט בעט אונז מיטצוטיילען, אז ה' י. א. ספאראי האט מנדב געווען 200 רובל לטובת דער געזעלשאפט, פאר וואס די פערוואלטונג דאנקט איהם הערצליך.

א נייער טורן און ספארט־פעראיין.

(ג) א גרופע מיטגליעדער פון פערמאכטען דייטשען „לאדזער טורן און ספארט־פעראיין" האבען זיך געווענדעט מיט א ביטע צו דער פעטראקאווער גובערנסקע־קאמיסיע פאר חברות און פעראיינען וועגען ערלויבען זיי צו עפענען אין לאדז א טורן און ספארט־פעראיין אונטערן נאמען „פעראייניגטער לאדזער ספארט־און טורן־פעראיין". די הויפט־גרינדער פון נייעם פעראיין זענען די פאבריקאנטען שווייקערט, וועפער און אנדערע.

צו דער היינטיגער פערזאמלונג פון „הזמיר".

היינט קומט פאר אין צווייטען טערמין די יעהרליכע פערזאמלונג פון „הזמיר".

אויף די דאזיגע פערזאמלונג מאכען מיר בעזונדערס אויפמערקזאם. דער „הזמיר" איז די איינציגע אינסטיטוציע אין אונזער שטאדט, וועלכע גרופירט ארום זיך די פערשיעדענסטע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג און ענטוויקעלט א ברייטע קולטורעלע און געזעלשאפטליכע טעטיגקייט. א פעראיין, ווי דער „הזמיר", וועלכער האט זיך געשטעלט אזוינע וויכטיגע ציעלען און אויפגאבען, האט איינענטליך געמוזט ווערען דער צענטער פון יודישען געזעלשאפטליכען לעבען אין אונזער שטאדט: דער „הזמיר" האט א 12־יעהריגע פערגאנגענהייט הינטער זיך, א לאנגיעהריגע טעטיגקייט, וועלכע האט אלעמאל געהאט א השפעה אויף דער יודישער געזעלשאפט אין קולטורעלען זין, און פאקטיש האט דער פעראיין פאר דער גאנצער צייט געהאט די גרעסטע סימפאטיען און די ברייטעסטע מאראלישע אונטערשטיצונג ביי אלע קרייזען פון דער בעפעלקערונג. ליידער קען מען אבער בעמערקען, אז אין דער לעצטער צייט איז דער אינטערעס צום „הזמיר" זעהר אבגעשוואכט געווארען. ביי יעדער קינסטלעריש־קולטורעלער אונטערנעהמונג, ביי יעדער געזעלשאפטליכער התחלה, וואס דער פעראיין נעהמט אויף זיך, שטויסט ער זיך אן אויף אזא אינדיפערענטיזם און גלייכגילטיגקייט פון דער געזעלשאפט, וואס נעהמט צו די ענערגיע און דעם חשק צו ארבייטען. ניט איצט איז די צייט צו ריידען וועגען די סבות, פאר וואס מ'האט זיך אויפגעהערט צו אינטערעסירען מיט דעם „הזמיר". געוויס איז א טייל אין דעם שולדיג די פיהרונג פון פעראיין, אבער די הויפט־שולד פאלט אויף דער געזעלשאפט, וועלכע וויל ניט פערשטעהן, אז דורך א ערנסטע בעציהונג פון די ברייטע שיכטען, דורך א ענערגישע אינטענסיווע מיטארבייט פון די געזעלשאפטליכע קרייזען קען אזא פעראיין ערפאלגרייך הירקען און שטעהן אויף דער הויך פון זיינע אויפגאבען.

אויף דער טאגעסארדנונג פון דער היינטיגער פערזאמלונג שטעהען וויכטיגע פראגען: ס'דארפען געוועהלט ווערען נייע פרישע קרעפטען אין דער פערוואלטונג און ס'מוזען איינגעפיהרט ווערען גרינדליכע רעפארמען און ענדערונגען. דעריבער איז ווינשענסווערט, אז צו דער היינטיגער פערזאמלונג זאל קומען א גרויסע צאהל מיטגליעדער, וואס זאלען אנטהיילנעהמען די גוטיגע בעשלוסען און ענטשיידען די פראגען, וועלכע זענען אזוי וויכטיג פאר די ווייטערדיגע ערפאלגרייכע טעטיגקייט פון „הזמיר".

פאספארטען פאר פערהייראטע פרויען.

דער פעטריקאווער גובערנאטאר האט אלע שטאדט־פרעזידענטען און אויעזדנע נאטשאלניקעס פאנאנדערגעשיקט א צירקולאר, אין וועלכען ער פעראָרדענט אויפ'ן סמך פון נייעם פאספארטען־געזעץ ארויסצוגעבען פערהייראטע פרויען בעזונדערע פאספארטען אויף זייער נאמען אפילו אהן הסכם פון מאן. אין צירקולאר ווערט אויך געזאגט, אז די פאספארטען דארפען די פערהייראטע פרויען נישט ארויסנעהמען אין די ערטער וואו זיי זענען צוגעשריעבען, נאר דארט, וואו זיי וואוינען.

אוועקגעקומען אנ'אוויאטיקער מיט זיין אעראפלאן.

(ג) נעכטען אין דערפריה איז פון ווארשא ארויסגעפלויגען אויף אנ'אעראפלאן קיין לאדז אנ'אוויאטיקער פון דער ווארשעווער מיליטערישער לופטפליה־שולע.

דער אוויאטיקער האט קומענדיג קיין לאדז געדארפט וועגען דעם טעלעגראפיש מיטטיילען. ווייל אבער אזא טעלעגראמע איז ניט אנגעקומען האט מען זיך אנגעהויבען צו בעאונרוהיגען, אז מיט'ן אוויאטיקער זאל ניט האבען פאסירט עפיס אנ'אומגליק.

צוליעב דעם האט מען פון דער מיליטער לופט פליהערי־שולע ארויסגעשיקט אויפ'ן וועג קיין לאדז און אנדערע וועגען איינעגע מיליטער־אויטאמאבילען מיט שילער פון דער לופטפליה שולע, כדי אויפצוזוכען דעם אוויאטיקער מיט זיין אעראפלאן. פון רעדמאנטע אויטאמאבילען איז אויך פערנאכט איינער געקומען קיין לאדז און נאכגעפארשט צי ס'האט נישט ווער געזעהן פליהען דעם לופט־פליהער. ביז'ן שפעטען אוונד איז אבער נישט געלונגען צו דערגעהן, וואו דער אוויאטיקער מיט זיין אעראפלאן איז אהינגעקומען.

גרויס־פראצעסען פון 82 יודען.

(ט) פארגעסטערן איז אין דער ארויספאהר־סעסיע פון טשענסטאכאווער „סיעזד" אין בענדין פארגעקומען די גרויס־פראצעסען פון 82 יודען, וועלכע זענען שוין דורך די גמינע־געריכטען פערמשפט געווארען ארויסגעשיקט צו ווערען פון די דערפער אין בענדינער אויעזד, וואו זיי האבען אבגעלעבט צעהנדליגער יאהרען.

אויף די אורטיילען פון די גמינע־געריכטען האבען די 82 יודען דערלאנגט אפעלאציאנס־אנקלאגעס אין „סיעזד" אריין.

דער „סיעזד" האט די אורטיילען פון די גמינע־געריכטען בעשטעטיגט.

די פערורטיילטע דערלאנגען איצט א קאסאציאנס־אנקלאגע אין סענאט אריין.

די פערמאכטע דייטשע טורן־און ספארט־פעראיינען.

ווי בעוואוסט, האט די פעטריקאווער גובערנסקע קאמיסיע פאר חברות און פעראיינען פערמאכט די היגע דייטשע טורן־און ספארט־פעראיינען: „קראפט" אויף ניקאלאיעווער 54, „לאדזער טורן־און ספארט־פעראיין" אויף זשבארדז, קאנסטאנטינער 96 און „אייבעק" אין זוביארדז. די פערמאכטע פעראיינען האבען זיך ווייטער אבער בעטייליגט אין פערשיעדענע ספארט־אונטערנעהמונגען.

דער פאליציימייסטער האט דערום פארגעסטערן גערופען צו זיך די פארזיצענדע פון די פערמאכטע פעראיינען און זיי שטרענג פערווארנט זיך צו בעטייליגען אין ספארט־פעראנשטאלטונגען. ווען די פעראָרדנונג וועט נישט ערפילט ווערען וועלען די שולדיגע צוגעצויגען ווערען צו געריכטליכער פעראנטווארטונג.

פערשיעדענעס.

— ביז איצט האט מען אין דער היגער שטאדט־קאסע אויסגעקויפט 14029 פערשיעדענע האנדעלס־ און פאבריק־פאטענטען. די דאזיגע צאהל וועט נאך פערגרעסערט ווערען, ווייל יעדען טאג קויפט מען אויס אלץ נייע פאטענטען. אין פאריגען יאהר האט מען געהאט אויסגעקויפט 14400 פאטענטען.

— דעם 18 יוני וועט אין היגען פרויען־גימנאזיום אויף שרעדניא גאס פארקומען דער פייערליכער שלוס־אקט פון שול־יאהר.

— צוליעב דער היינטיגער חנא מוזען די געשעפטען זיין פערמאכט אזוי ווי זונטאג.

— אין גיכען וועט די היגע גאזאנשטאלט עפענען אויף פעטריקאווער 56 א גרויסען מאגאזין פון פערשיעדענע גאז־לאמפען און אלערהאנד גאז־איינריכטונגען. דארט וועלען אויך אלע גאז־אפאראטען שטענדיג דעמאנסטרירט און געוויזען ווערען.

— (ג) נעכטען האבען פערשטרייקט די לוין־וועבער פון טיכער־פאבריקאנט יעקב וואולף אויף זאכאדניא 65. די שטרייקענדע פאדערען מען זאל זיי העכערן דעם לוין אויף 25 פראצענט.

פון „מלביש ערומים".

די פערוואלטונג פון פעראיין „מלביש ערומים" בעט אונז מיטצוטיילען, אז די ידיעה, וואס מיר האבען די טעג געבראכט, אז אין א פאר וואכען ארום וועט פארקומען א בעקליידונג פון קינדער איז נישט ריכטיג. די בעקליידונג פון ארימע קינדער וועט ערשט פארקומען פאר ראש השנה און איינשרייבונגען וועלען אנגענומען ווערען ערשט מיט 2 וואכען פאר ראש השנה.

פון „הכנסת כלה".

די פערוואלטונג פון „הכנסת כלה" דריקט אויס איהר דאנק די יורשים פון פערשטארבענעם עזריאל ליבערמאן פאר די געשאנקענע 100 רובל לטובת דעם פעראיין.

א שענדליכע טהאט.

וועגען א שענדליכער טהאט פון א מאן, וואס האט געהאנדעלט מיט זיין ווייב, טיילט מען אונז מיט פאלגענדעס:

אין קולעש'ס דרוקעריי האט זיך א לענגערע צייט געארבייט אלס זעצער דער 30־יעהריגער פ. ה. דער לעצטער האט זעהר וועניג פערדיענט און וואס ער האט פערדיענט האט ער פער'שכור'ט. נישט קוקענדיג דערויף האט ער אבער געפיהרט א רייך לעבען און זיין פרוי האט זיך שטענדיג געקליידעט עלעגאנט לויט דער לעצטער מאדע.

פון וואנען וו. האט אויף דעם אלעם גענומען איז געווען א רעטעניש. פלוצלונג איז אבער ענטדעקט געווארען אז וו. האט געהאנדעלט מיט זיין אייגענער פרוי און איז דערביי בעגאנגען פערשיעדענע שווינדעלייען.

די שענדליכע מעשים פלעגען אבגעמאכט ווערען אין זיין אייגענער וואוינונג אויף זשאנא 38 און אויך אין היגע פערגעניגונג־לאקאלען.

די שווינדלערייען פלעגען פארקומען אויף אזא אופן: וו'ס פרוי פלעגט שרייבען ליבעבריוועלאך צו היגע לעבע־יונגען און זיי פערנארען צו זיך א היים אדער אין א האטעל.

אין מיטען פלעגט פלוצלונג אריינקומען דער מאן, וועלכער פלעגט בלומר'שט ווערען אויפגערעגט, וואס ער האט איבערראשט זיין פרוי מיט א פרעמדען און ער האט געמאכט א סקאנדאל. שפעטער ווען מען איז דורכגעקומען צו זייערונג: כדי צו פערהיטען פון א סקאנדאל פלעגט דער פרעמדער גוט בעצאהלען דעם אויפגערעגטען ה. און ווען ער האט קיין געלד ניט געהאט, האט שוין ה. גענומען ביי זיך גרייט וועקסעל־בלאנקען און פלעגט זיך לאזען אונטערשרייבען פון די פערפיהרער פון זיין פרוי. אויף אזא אופן האט ער אפגעפיהרט א לאנגע צייט און אויסגענארט גרויסע סומען געלד.

ענדליך איז ער אבער דאך ארויסגעפאלען. איינער א געוויסער ס., וועלכער האט זיך ניט איבערגעשראקען פאר א סקאנדאל האט געמאלדען וועגען דער געהיים־פאליציי, וועלכע האט איצט ארעסטירט דאס שיינע פארפאלק.

(ג)

א נייער קינעמאטאגראף.

(ג) די שטאדטישע בוי־טעכנישע קאמיסיע האט בעוויליגט דאס לאקאל אויף פעטראקאווער 18, וואו ה' אשר פישמאן פראיעקטירט איינצוארדנען א גרויסען קינעמאטאגראף. די קאמיסיע האט דאס לאקאל געפונען פאר פאסענד און ערלויבט דארט דעם קינעמאטאגראף איינצוארדנען.

ארעסטירט א שווינדלער.

אויפ'ן פערלאנג פון דער אויסלענדישער געריכטס־מאכט האט די היגע פאליציי ארעסטירט א געוויסען נח לאטענבערג, 40 יאהר אלט, וועלכער ווערט בעשולדיגט אין א באנקראט און פערשיעדענע שווינדלערייען, וואס ער איז בעגאנגען אין אנטווערפען.

א רעוויזיע אין א באנק־הויז.

(ג) נעכטען ארום 12 א זייגער ביי טאג איז אין באנק־געשעפט פון מ. סעגאל אויף פעטריקאווער גאס 50 פלוצלונג אריינגעקומען דער פריסטאוו פון דריטען אוטשאסטאק מיט א פאליציי־אבטהיילונג און אנגעהויבען מאכען א שטרענגע רעוויזיע, זוכענדיג פערבאטענע יודישע לאטעריי־צעטלען. מען האט רעוויזירט אלע קליענטען, וואס האבען זיך אין געשעפט געפונען, דעם בעזיצער פון באנק־געשעפט און אלע זיינע אנגעשטעלטע; מען האט געזוכט אין אלע שענק און אין די שופלאדען. בעת דער רעוויזיע האט מען אין געשעפט גארנישט געפונען, נאר ביי איינעם פון די אנגעשטעלטע האט מען געפונען א פעקעל יודישע לאטעריי־צעטלען. עס איז צוזאמענגעשטעלט געווארען א פראטאקאל און געגען שולדיגען ווערט געפיהרט א פראצעס.

שרפות.

(ג) נעכטען ארום צוויי א זייגער ביי טאג איז אויף קרוטקא 45 אין באלוט אויסגעבראכען א שרפה אין די שטאלען, וואס געפינען זיך צווישען בלויז האלצערנע וואוינהייזער. צו דער שרפה, וועלכע האט אנגענומען א דראהענדען כאראקטער, האט מען ארויסגערופען איינינע פייערלעשער אבטהיילונגען, וועלכע האבען דאס פייער אין פערלויף פון א שעה צייט איינגעלאשען. בעת דער שרפה זענען פערברענט געווארען צוויי גרויסע שטאלען.

די פראווינץ.

(פון אונזערע קארעספאנדענטען).

אזארקאוו.

אזארקאוו — א קור־אנשטאלט.

ווי כ'האב שוין מיטגעטיילט וועגען די פראבעס פון די וואסערן פון די היגע נייע ברונענס וואס ענטהאלטען א ווארימקייט פון 17 ביז 23 גראד, אוועקגעשיקט געווארען דורכ'ן היגען מאגיסטראט קיין פעטערבורג אין די אבער־מעדיצינישע פערוואלטונג צום אונטערזוכען מיט דער ביטע וועגען איינארדנען אין אזארקאוו א קור־אנשטאלט. איצט קען איך מיטטיילען, אז נעכטען איז שוין צוריק אנגעקומען אין מאגיסטראט אנ'ענטפער פון פעטערבורג: לויט ווי ס'האט זיך ארויסגעשטעלט בעת דער אנאליזע, וועלכע איז אויסגעפיהרט געווארען פון אקאדעמיקער א. פ. דיאלין האבען די וואסערן פון די צוויי ברונענס ביי ה' בלאך (קאשטיאלנע גאס) און ה' טילמאן (טיאמניע גאס) א גרויסע הייל־קראפט און ענטהאלטען מינעראל־שטאפען, וואס זענען וויכטיג ביי דער היילונג פון פערשיעדענע קראנקהייטען. ווי מ'גיט איבער, וועלען זיך די בעזיצער פון די ברונענס בעמיהען, אז מען זאל דא איינארדנען א קור־אנשטאלט.

א.—

פעטראקאוו.

א גרויסע שרפה.

אין דער נאכט פון דינסטאג אויף מיטוואך, ארום 2 א זייגער, האט פלוצלונג אויף דער מאסקווער גאס אנגעהויבען ברענען דאס הויז

יאהאן פאן ווילדענראדט.

„דער יודישער פירשט".

א שפאנענדער היסטארישער ראמאן.

(ספעציעל בעארבייט פאר'ן „לאדזער טאגעבלאט"). (6)

IV

שמעון ביי מרים...

— זאל איך צוגעהן צו דעם מענשען, וועמען איך וויל ערמארדען — האט שמעון געטראכט — און איהם דאנקען פאר זיין גוטסקייט! ניין, דאס איז מיר אונמעגליך... אבער צי קאן איך רעדן וועגען פון דאנען, פערלאזען מיין געליעבטע און מיט איהר קיין ווארט ניט רעדען!—ניין, איך מוז מיט איהר רעדען און זאל זיין וואס עס וועט זיין! וועה וועט זיין צו איהר, ווען זי איז ווערט געווען מיין קללה!... און אפשר איז זי ריין פון יעדע זינד?... אויך דאן איז זי פאר מיר פערפאלען... זי וועט מיך האסען פאר'ן בלוט, וואס איך האב פערגאסען... זי וועט מיך פעראכטען, וואס איך וויל זיך נוקם זיין פון איהר בעשיצער נאר דערפאר, וואס יוסף האט אנדערע איבערצייגונגען...

אזוי איז שמעון געשטאנען א לענגערע צייט פערטיפט אין געדאנקען און זיך נישט געקענט בעשליסען, וואס צו טהון. זיין הארץ איז אין איהם צוגאנגען, זיינע פיס זענען שוואך געווארען און ער האט זיינע אויגען מורא געהאט אויפצוהויבען. פלוצלונג האט זיך איהם פערוואלט ענטלויפען ווייט, ווייט פון דאנען, אז ער זאל נישט דארפען דאס אלץ מיטמאכען, נאר ער איז געבליבען שטעהן אויף אנ'ארט און מיט קיין איין אבר נישט גערירט...

שטעהענדיג אזוי האט ער געזעהן, ווי יוסף ראטעוועט כסדר פרויען און קינדער פון די טערקישע אכזריות'דיגע הענד און איילט זיך מיט זיין מחנה געראטעוועטע קינדער און פרויען צו פערלאזען די שטאדט, וועלכע איז פערוואנדעלט געווארען אין א טהאל פון טויטע און פערוואונדעטע.

און יוסף מיט זיין מחנה איז נישט געגאנגען צו טויטאפא, נאר גאר אין אנ'אנדערע ריכטונג.

יוסף האט זיך געהאט אויסגעזוכט א דארף אויף די בערג פון קפריסין, וואס איז פערלאזט געווארען פון די איינוואוינער און דארט האט ער אויפגעשטעלט געצעלטען פאר די בעפרייטע פרויען און קינדער, זיי געגעבען עסען און טרינקען און געזארגט ווי א בארמהערציגער פאטער.

אויך איצט האט יוסף די מחנה פון די בעפרייטע געפיהרט אין זיין דארף אריין.

שמעון איז דער מחנה נאכגעגאנגען פון ווייטענס שריט ביי שריט, זיך בעמיהענדיג, אז ער זאל איהרע שפורען פון זיינע אויגען נישט פערליערען.

ווי אנ'איבערנאטירליכער כשוף האט מרים'ס געשטאלט אויף איהם געווירקט, אז ער זאל איהר נאכגעהן. די אלטע ליעבע צו מרים'ן האט איצט אויפגעפלאקערט אין זיין הארצען מיט דער אמאליגער קראפט און ער האט בעשלאסען, אז עס זאל זיין וואס עס איז—ער מוז איהר נאכגעהן און מיט איהר רעדען!

איינינע שעה איז די מחנה געגאנגען אהן אפרוה אלץ ווייטער, ביז די היץ פון דער זון האט זיי געצוואונגען א ביסעל זיך אפצורוהען פון וועג. אויך שמעון האט פון ווייטענס זיך אוועקגעזעצט ווארטען ביז די מחנה וועט ווייטער געהן.

ערשט ווען די זון האט אנגעהויבען צו פערגעהן, איז די מחנה ווייטער געגאנגען און אויך שמעון האט זיך אויפגעהויבען און ווידער נאכגעגאנגען פון ווייטענס דער מחנה, זיך סטארענדיג, אז מען זאל איהם נישט בעמערקען...

און דער טאג איז פערשוואונדען און דער אוונד איז געקומען.

יוסף איז צוגעקומען צו א וועלדיל און בעשלאסען דא־ט איבערצונעכטיגען. פלוצלונג האט ער אויפגעהויבען זיינע אויגען און דערזעהן א גרויסען פלאקער הינטער זיך—גאנץ ניקאזיע איז געשטאנען אין פלאמען!

די געראטעוועטע האבען עס אויך דערזעהן און פערציטערט געווארען. יוסף האט בעמערקט זייער שרעק און כדי זיי צו בערוהיגען, האט ער זיי געגעבען צו עסען און צו טרינקען און זיי געטרייסט. דערזעהענדיג, אז יוסף איז נישט זייער שונא האבען די איבערגעשראקענע זיך בערוהיגט און האבען צוטרוי און האפנונג אויפגעהויבען אויף זייער רעטער און בעשיצער.

די בעפרייטע האבען זיך געמאכט אין וועלדיל און אויף די דערבייאיגע פעלדער געלעגערס און יוסף'ס מענשען זענען געשטאנען אויף דער וואך אלעמען צו בעשיצען.

אויך יוסף האט זיך געמאכט א געלעגער אונטער א בוים אין וועלדיל, נאר איינשלאפען האט ער נישט געקאנט. די אלע געשעהעניש'ען און פאראפאלען פון לעצטען טאג האבען געשוועבט פאר זיינע אויגען און אזוי ליעגענדיג האט ער זיך פערטיפט אין געדאנקען... נאר די בעפרייטע זיי צו בעשיצען פון די הענד פון די טיראנען איז געוועזען פאר איהם א שטיקעל נחמה פאר אלע צרות, וואס ער האט איבערגעלעבט...

און נישט ווייט פון איהם איז אויך געלעגען דאס יודישע מיידעל, וואס ער האט געראטעוועט. יוסף האט זי נאך נישט געהאט אויסגעפרעגט וועגען אלעם, וואס עס האט מיט איהר פאסירט, דען עס האט זיך איהם נישט געוואלט שטערען איהר רוה און פונדעסטוועגען איז איהר בילד געשטאנען פאר זיינע אויגען און ער האט וועגען איהר נישט אויפגעהערט צו קלערען.

— דער קאמענדאנט פון שטאדט האט געהייסען ניקאלא דראדאלא... אפשר איז עס דער איינענער, וואס האט צוגערויבט שמעון'ס געליעבטע!... אפשר איז דאס מיידעל טאקי מרים?

און אזוי קלערענדיג האט זיך איהם שטארק פערגלוסט צו זעהן שמעון'ן און ביי איהם פרעגען, צי דאס איז ווירקליך מרים.

— נאר שמעון איז דאך איצט אזוי ווייט פון דאנען... ער זיצט אין קאנסטאנטינאפאל און זוכט געוויס פלענער ווי מיך צו פערניכטען...

פלוצלונג האט ער דערהערט א מאדנעם רויש פון צווישען די בוימער, פונקט ווי א ווילדע חיה וואלט ארויסגעקראכען פון ערגעץ א בעהעלטעניש...

ער איז שטארק פערוואונדערט געווארען, דען ער האט געוואוסט, אז זיינע מענשען שטעהען אויף דער וואך, נאר דערהערענדיג ווי דער רויש ווערט שטארקער, האט ער זיך האלב אויפגעהויבען פון זיין געלעגער, כדי צו זעהן פון וואנען עס הערט זיך דער רויש.

און יוסף האט דערזעהן ווי א געשטאלט פון א מאנספערזאן שלייכט זיך ווי א גנב פון הינטער די בוימער אפער...

יוסף איז אראב פון זיין געלעגער גרייט צו בעגעגענען דעם אומבעקאנטען. פלוצלונג האט ער דערהערט א שוואכע שטים רופענדיג:

— מרים!

ער האט די שטים דערקענט—דאס איז דאך שמעון'ס קול.

— נאר ווי קומט דער דאזיגער פאנאטישער יונגערמאן דא!— האט יוסף זיך נישט געקאנט אפוואונדערן.

יוסף איז שוין אבער געווען זיכער, אז דאס מיידעל איז ווירקליך מרים. דערווייל איז שמעון צוגעקומען אלץ נעהנטער צו מרים'ס געלעגער און ביים שיין פון דער לבנה, וואס האט דורכגעדרונגען דורך די צווייגען פון די בוימער, האט יוסף געזעהן, ווי שמעון'ס געזיכט איז פול מיט שרעק און ווי זיינע אויגען ברענען.

א לענגערע צייט האט שמעון אויף איהר געקוקט אונבאוועגט און דאן שטיל ארויסגעשעפטשעט:

— מרים!

דאס מיידעל האט זיך דערשראקען, אויפגעעפענט די אויגען און א געשריי געטהון.

שמעון האט מיט זיינע הענד איהר מויל פערדעקט און אין איהרע אויערען אריינגעשעפטשעט:

— מרים, דאס בין איך... דיין שמעון... ביי וועמען מען האט דיך צוגערויבט... איך בין דיך געקומען איצט ראטעווען... מרים!...

(פארזעצונג קומט).

78 №, האָט געהערט צו קארל העלמאַ און איז בעקאַנט געוועזן בלויז פון יודען.

בעת די שׂרפה איז ענטשטאַנען זענען אַלע איינוואוינער פעסט געשלאָפען און ווען זיי האָבען די שׂרפה בעמערקט איז שוין דאָס גאַנצע הויז געשטאַנען אין פלאַמען. די איינוואוינער פונ'ם הויז האָבען גענומען שפּרינגען דורך די פענסטער אויף דער גאַס ארויס, דערביי זענען אייניגע פערוואונדעט געוואָרען.

דאָס הויז געפינט זיך אין א קריסטליכען צענטער, און די קריסטען האָבען זיך אָפּגעזאָגט צו העלפען די יודען אין דער געפאַהר.

אויף דעם ערשטען שטאָק, זענען געשלאָפען אייניגע יודישע קינדער. די עלטערען פערצווייפעלטע האָבען זיך געבעטען רחמים מען זאָל זיי העלפען ראַטעווען די קינדער. אָבער קיינער האָט זיך ניט אָבגערופען אויף די געשרייען. אויך קיין פייערלעשער זענען נים געקומען. צום גליק זענען 2 א זיינער מיט דעם קוריער-צוג פון לאָדז אָנגעקומען אייניגע יודען, וועלכע זענען צוזאַמען מיט אייניגע רוסישע בעאַמטע אריין אין דעם ברענענדיגען הויז און געראַטעוועט די קינדער.

אויך בעת ה' יאָסקאָוויטש'עס ביבליאָטעק האָט געברענט, און דער יונגער יאָסקאָוויטש האָט געוואָלט ראַטעווען די ספרים און אַנדערע זאַכען, האָבען איהם פּוילישע כוליגאַנעס כּמעט אַרשלאָגען די זאַכען צוריק אין פייער אריין.

ערשט די דייטשע גלאַז-הוטעס, וועלכע געפינען זיך אין דער נאָהענט, בעמערקענדיג דאָס פייער האָבען אָנגעהויבען געבען סיגנאַלען און באַלד זענען אויך אָנגעקומען די פייערלעשער און די דירעקטאָרען מיט די אַרבייטער, וועלכע האָבען געגעבען הילף.

4 וואָהנהויזער אַבגעברענט יודישע פאַמיליעס זענען איבערגעבליבען אין גרויס ארימקייט, ממש געבליבען בעירום ובחוסר כל.

די קראַנקען און די שטוב-זאַכען זענען נים געווען אסעקורירט. אַלץ איז פון פייער פערניכטעט געוואָרען.

דא צווייפעלט מען ניט, אז די שׂרפה איז פאָרגעקומען פון אַן'אונטערצינדונג.

נעכטען ביי טאָג האָט די פּאָליציי ארעסטירט דעם אייגענטימער פון הויז קארל העלמאַ. עס מערט געפיהרט אַן'ענערגישע אויספאָרשונג.

שלמה.

רעדאַקטאָר: י. אונגער.

ארויסגעבער: (ע. האַמבורסקי. (א. טענענבוים.

גרויסעם טעאַטער דיר. י. זאַנדבערג.

נור נאָך אייניגע געצעהלטע גאַסטראָלען

פון ד. גרויסער קינסטלערין די פון אַלען אנערקענטען בעסטע יודישע שויספּיעלערין, וועלכע האָט זיך ערוואָרבען א גרויסען נאָמען אויף דער אינטער-נאַציאָנאַלער ביהנע

מיסס מאַלווינע לאָבעל

היינט דאָנערשטאָג צוליעב די צוגערייזטע סוחרים ווערט געשפּילט נור נאָך איין מאָל פּיסאַנ'ס דראַמע

מאַדאַם איקס

די הויפּטראָלע „מאַדאַם איקס"—מיסס מאַלווינע לאָבעל.

מאָרגען פרייטאָג צו-נאַכטס ווערט נישט געשפּילט.

איבערמאָרגען שבת צוויי פאָרשטעלונגען:

1) נאָכמיטאָג 3 א זייגער ביי זעהר בילינע פּרייזען

וואָלטער בראַונ'ס האַכאינטערעסאַנטע אָפּערעטע אין 5 געזאַנגע בעאַרבייט פון גרויסען אמעריקאַנער סטאַר מ"ר דוד העסלער מוזיק פון העררי וו. סאַוויידזש

←יעדע פרוי→

ווי זי זוכט ליעבע

הויפּטראָלען: „יעדע פרוי" די געפייערטע קינסטלערין אונזער ליעבער גאַסט

מיסס מאַלווינא לאָבעל

בעמערקונג! אין 4-טען אַקט א גרויסע קאַרנאַוואַל-נאַכט אויף דער ניו-יאָרקער וויסער גאַס אין וועלכע ס'נעהמען אנטייל ביז 150 מאַן און א ספּעצ. אָרקעסטער.

2) שבת צו נאַכטס פּרעמיערען-אָבענד

גרויסע אָפּערעטען-נאָוויטעט צום ערשטען מאָל די גרויסע קאָמישע אָפּערעטע דער קאָלאָסאַלער לאַך-ערפאָלג

מאַדאַם פּריילין

30 נומערן געזאַנג 30

די הויפּטראָלע „מאַדאַם פּריילין" די-ביי אנגאַזשירטע פּרימאַדאָנע מ' וויינבערג. אויספיהרליכעס מאָרגען אין „לאָדזער טאַגעבלאַט".

בילעטען אויף די דריי פאָרשטעלונגען בעקומט מען פון היינט אָן אין דער קאַסע.

סיסטעמאַטישע טעגליכע בענוצונג פון אָדאָל איז דאָס בעסטע מיטעל צו די צייהן און מויל.

טאַבעלע

1-טער ציהונגס-טאָג פינפטער קלאַס 202 פוילישע לאָטעריע.

8000 רובל—נומר 328. 4000 רובל—נומר 4902. 2000 רובל—נומר 8556
9647. 1000 רובל—נומר 1343 2212 6763 14354 20497. 400 רובל—
נומר 271 2805 4130 5609 8247 8508 9813 10841 11736 15816 18586
22052 23430. 200 רובל—נומר 1103 1195 3737 6702 7430 8084
9627 11875 15397 21202 22023. 100 רובל—נומר 153 1151 1729
2602 2808 3078 3738 4181 4513 4837 4971 6741 7057 4416 11170
13224 13990 14165 14533 16043 16455 16591 19330 20991 21061
22254 22610.

צו 80 רובל אויף פאָלגענדע נומערן:

40 68 78 92 123 39 64 73 205 35 37 72 333 89 400 31 68 527
28 31 609 29 713 43 45 48 65 91 822 46 68 77 82 911 35 62 89
1029 216 46 319 40 83 423 32 35 58 541 656 58 69 81 700 11
23 78 805 51 96 923 51. 2018 67 108 59 97 230 89 369 85 411
502 12 83 605 53 59 703 47 67 804 27. 3009 127 73 273 61 95
804 37 411 20 51 531 77 80 685 722 71 813 18 68 925 42 43 92
4075 112 58 216 17 71 74 88 89 92 323 26 52 82 93 441 80 82
504 52 74 674 750 54 819 24 54 905 49. 5145 71 89 90 249 89
315 18 52 453 73 77 506 38 613 27 712 818 60. 6045 46 141 86
240 321 32 66 421 29 33 553 79 601 36 91 774 96 862 63 900 14
20 94. 7002 93 201 12 61 73 306 19 420 32 75 82 522 36 84
98 99 645 56 727 84 95 826 40 67 84 957. 8041 186 89 282 311
69 420 41 62 516 42 48 77 641 48 90 709 72 802 20 94 930 42
91 99. 9033 107 8 14 33 36 66 257 77 79 85 358 403 515 51
57 59 614 21 63 91 777 96 807 37 44 917. 10020 103 29 38 228
74 92 314 18 71 428 70 74 504 28 72 77 714 18 892 919 26 55
71 73. 11076 84 113 57 67 80 296 316 487 525 41 47 49 64 79
606 7 26 39 48 68 702 9 68 803 56. 12059 77 90 240 62 302 4 35
54 408 46 78 82 89 93 503 14 23 92 607 13 27 85 701 34 71 827
77 915 17 53 60. 13054 63 157 81 89 320 22 77 79 400 504 38
630 31 43 48 58 715 825 41 946 52. 1438 89 79 95 138 64 263
86 385 408 37 96 98 504 6 36 78 79 615 29 52 69 91 709 84 92
824 53 62 73 94 98 943. 15005 17 37 44 73 111 28 60 278 308
43 410 60 66 83 86 503 27 31 66 720 805 15 19 67 97 984.
16118 42 59 75 79 84 249 56 69 331 45 94 418 46 86 506 8 54
636 37 59 99 711 19 30 809 22 37 47 59 60 87 920 83. 17029
49 70 100 31 47 64 83 212 15 38 79 87 320 35 552 86 601 32
63 98 724 33 58 800 87 904 24 27 46 78. 18030 90 155 98 310
47 52 55 72 410 75 84 538 610 14 46 59 72 75 724 60 85 99
820 93. 19039 104 48 82 253 72 81 380 426 537 45 48 49 56
59 574 90 635 54 94 817 41 45 82 91 919 26 32 34. 20018 43
60 159 64 208 19 316 45 64 69 82 407 31 35 54 81 506 08 85
615 701 58 69 827 30 58 929 42. 21004 15 38 44 82 104 233
42 62 320 48 61 401 15 20 53 495 544 47 48 60 633 804 39
68 69 916 32. 22080 107 28 38 75 215 40 77 93 440 544 48
60 566 93 665 714 15 89 805 23 969 88. 23011 43 57 132 205
08 48 834 73 78 88 426 75.

איין בוי-פּלאַץ

געזוכט פיר פאַבריק און וואָהנהייזער נאָהנט בילליג צו פערקויפען. צו ערפאַהרען ביי ס. ראָטמאַן נאָוואָמיעיסקאַ 8. 594 1 3

איין יונגער-מאַן 605

א ארבייטער וועהרט געזוכט אין מעהל-געשעפט ביי ל. אַדלער גייערס רינג, פּעט-ריקויער 294 נעבען פאַביאַניצער טראַמוויי.

צו פערמיעטען 608

פון 1/14 יולי איינס אָדער 2 צימער פאַרטער צעגעלניאַנאַ 57 ביי בערנשטיין.

צו פערמיעטען פון 1-טען יולי

אָדער איבערצוגעבען א לאָדען מיט 1 צימער, ווידזעווסקאַ 23. צו ערפאַהרען אין וואָרשטען-געוועלבי. 604 1

←די לאָרנעטקע,→

וועלכע איך האָב געבאָרגט אין רודאַ-פּאַביאַניץ ווגנאָג ביי די פליהערייען, בעט איך זעהר מיר זי אָבצוגעבען. ב. באַנאַשיקאָווסקי, וואָרנא 35, וואָהנ 19. אָדער אין דער אדם. פון „קוריער לודזקי" נעבען אַנאָנס-קאַסטען. 607

א וואָהנונג

בעשטעהענד אויס 5 צימער קיכע, מעדי-לענצימער און ועטטליכע בעקוועמליכקיי-טען, אוםשטענדעהאַלבער זעהר פרייזווערט צו איבערגעבען. צעגעלניאַנא 15, וו. 16. 292 3 1

א לאָטעריעצעטעל

1½ № 2300 איז פערלוירען געוואָרען. עס ווערט פאַר אונגילטיג ערקלערט. 593

בילליג צו פערקויפען

1 צוועררן-מאַשין פון 100 שפינדעל. צו ערפאַהרען ביי פיטיענוק, פּאָלודניאָווע 80. 596 1

עס זענען פערלוירען געוואָרען

2 האַלבע לאָזען 10228, 10229 די לאָזען ווערען פאַר אונגילטיג ערקלערט. 593 1

א שווה-לאַדען

מיט גוטע קונדשאַפט איז איבערצוגעבען. ווסאָדניאַ 26 ביי שפּאָרן. 600 1

צו פערמיעטען

א לאָקאַל פיר א קאַנטאָר אָדער סקלאַד, צעגעלניאַנא 2 פראָנט—בילליג. צו ערפאַהרען ביי ה' ד"ר פריבולסקי, פּאָלודניאָווא שטר. 2. 5730 3 1

א פאָרטעפּעל

מיט פערשידענע פאַפּירען איז געפינען געוואָרען. אָבצונעהמען נעבען אַנאָנס-קאַסטען אין אדמ. ד. בלאַט.

צו פערמיעטען פון 1-טען יולי

3 און 4 צימער עט קיכע, מיט אַלע בעקוועמליכקייטען, זענען-זייטע ווי אויך איינע גרויסע רעמיזע. צו ערפאַהרען פּאַסאַוש-שולץ 39 ביים ווירט. 597 3 1

פאַבריקס-לאָקאַל

פאַרטער 17×30 עלען, אויך א וואָהנונג בעשטעהענד אויס 3 צימער עט קיכע מיט בעקוועמליכקייטען פער זאָפאָרט צו פער-מיעטען ביי ל. לוריע, שרעדניא 81 №. 5710 3 3

איין שפייזע-צימער

בעשטעהענד פון מאַהאַ, טיש אונד שטוה-לע איז זאָפאָרט צו פערקויפען פּעטרי-קויער 37 וו. 2 פון 1—3 מיטאַג. 599

צו פערמיעטען 2 צימער און קיכע

מיט בעקוועמליכקייטען, צו ערפאַהרען ווידזעווסקא 4. 550 3 3

שניידער-מעדכען

ווערען געברויכט ביי פּאָזנאַנסקי וואָלטשאַ 40 אין נאָוואָמיעיסקא 19. 906

Potrzebne są zdolne panny do szycia, do pracowni sukień. Zawadzka № 6, m. 13. 602 2 1

טיכטיגע שטיקערינס

ווירד געברויכט ביי עפשטיין קאַמיענאַ 4 אויך לערן-מעדלער אויף גוטע בעדינגונ-גען ווירד אנגענומען. 8 2 558

Абрамъ Ицекъ Польковскій потерялъ свой паспортъ, выдан. маг. гор. Ласкъ, Петр. губ. Отдать въ полицію. 3 1

Рейза Шнизбергъ потеряла свой паспортъ, выд. пос. Андржеевъ, Ловжской губ. Отдать въ полицію. 601 3 1

דר. ל. פּריבולסקי

פּאָלודניאָווא 2. טעל. 18-59.

ספּעציאַל-ארצט פיר הויט, ווענערישע און האַאר-קראַנקהייטען עט מענער-שוועכע, אויף קאָסמעטישע פלעגע. בעהאַנדלונג פון סיפיליס נאָך עהרליך האַטאַ 606-914 אָהנע בערופס שטערונג. היילונג מיט עלעקטריציטעט אונד וויבראַציאָנס-מאַסאַזש. שפּרעכשטונדען פון 9—1 אונד 4—9. פיר דאַמען 5—6 בזונדער וואַר-טעצימער.

קאָנצערט-גאַרטען „מאַנטייפעל"

טעגליך קאָנצערט

פון וואַרשויער סימפאָנישען ארקעסטער אונטער לייטונג פון ה' בראָניסלאַוו שולץ, פראָגראַם פון וואַרשויער מוזיק. געזעל. אָנפאַנג וואָכענטאָג 9, אַם זאָן- און פייערטאָגען 8 אוהר. ענטרעע 40 קאָפּ. שילער 20 ק. סימפאָניע-קאָנצערט 60 ק., שילער 30 ק. אַבאָנאַמענטען 60.

שטאָפּערינס און פליקערינס

5727 3 2

געזוכט פיר לאָנדאָן. פון 10 ביז 20 ר' וועכענטליכער פערדיענסט. דאָס גאַנצע יאָהר אַרבייט. רייזע-קאָסטען ווערען צוריקגעצאָהלט. זאָפאָרט זיך צו מעלדען מיט קענ-טעניש אנגאַבען אן

Invisible Mending Co. 68, High Holborn, London. W. C.

האָטעלל־ינק—בערלין

כשר

ראָזענטהאַלער-שטר. 49

נעבען ווערטהיים

על הכשרות שלי יעודו רבני

5721 רוססיא—גרמניא 3 3

מעבעל

צוליעב אַבריייזע פערקויף איך מיין מעבעל אייכען-שראַנקע, בעטען מיט מאַטראַצען, אויסרוק-טיש מיט שטוהלען, לעדער-אָטאָמאַנע, בעלגישע שפּיעגעל, הענגעל-לאָמפּע, וואַש-טיש מיט מאַרמאָר. שרעדניאַ 52 וו. 6.

האָטעל און פענסיאָן האַרקאַוו

כשר

בערלין

פרידריכשטר. 127 אַם באַהנהאָף

5563

וואָהנונגען 4 1 611

בעשטעהענד אויס 1 2 אונד 4 צימער עט קיכע מיט זעמטליכע בעקוועמליכקייטען, ווי אויך איין לאַדען געאייגנעט פיר פרי-זיער א. ד. גל. צו פערמיעטען פון 1 יו-לי שרעדניא 91 ביי א. מ. ראָזענקראַנץ.

בערלין

רוססישעס האָטעל

אדעססא

ליניען שטראַססע 146 אַם באַהנהאָף

פרידריכשטראַססע

כשר — רעסטאָראַנט — כשר

5562 פ. מינקאָווסקי. 66

D. Glücksman

עלטעסטער פעלדשער

אין דער פּריוואַטקליניק דער ערצטע ד"ר גאָלדמאַן, קרושע, יאַשינסקי, גאָלדבלום און אייניגער יעצט וועגען סאַנאַטאָריום „Unita", וואָר אויך לענגערע צייט אין דעם פּאָזנאַנסקי'שען שפּיטאַל מעטיג. ערמיילט ראַטה און הילפע, מאַכט אַלער-ארט חירורגישע פערבענדע, הויטאיינשפּריצונגען, מאַסאַזשען, עלעקטריזאַציאָן, מענ-ליך פּרישע פּאָקען, וואָהנט ציעגעל-שטר. 41, טעלעפאָן 36-38.

עמפּפאַנגט פון 8 ביז 10 פריה און פון 4 ביז 6 נאַכמ. אייגריכטונג לויט דער לעצ-טען פאָדערונגען דער אַסעפּטיק און אַנטי-סעפּטיק. 176 12

צו פערמיעטען 620

עמליכע געוועלבער, ווי אויך א יאַטקע וועלכע זענען שוין פון לאַנגע יאָהרען איינגעפיהרט. באַלוט. אַלעקסאַנדריסקאַ 14

צום נייען שולי'אהר וועט געעפענט ווערען אויף דעם נייען רינג 2 № (ווי עס געפינען זיך יעצט בערליץ'ס-קורסען) די

העבערע 4 קלאַסיגע קנאַבען-שולע

מיט אַלע רעכטען פון רעגיערונגס-שולען

פון מ. פּ. קאַראַטקעוויץ

6 2 5726

די עקזאַמענס פאַר די פעריען וועלען זיך אַנפאַנגען אַם 20-טען מאַי (2 יוני) און נאָך די פער-יען דען 19-טען אויגוסט (1 סעפּטעמבער). נעהערע אויסקינפטע ערטיילט ה' קאַראַטקעוויץ יעדען זונטאַג און דאָנערשטאַג פון 7 ביז 9 אוהר אָבענדס ביז דעם 1-טען יולי אין דער שולקאַנצליי פון ה' שאַקין (עקקע ציעגעל-שטר. 23 און זאַכאָדניאַ-שטר. 62, טעלעפאָן 27-27) און נאָך דעם 1-טען יולי אין זיין איגענער שולקאַנצליי (נייער רינג 2 №). ביטעם אום אויפנאַהמע ווערען טעגליך אַנגענומען. פּראָגראַמעס פאַר 5 קאָפּ. קען מען בעקומען אין די בוכהאַנדלונגען פון ה' פישער (פּעטריקויער 48) און ה' יאַבלאָנסקי (פּעטריקויער 26).

בעמערקונג: די צאָהל פון די שילער אין יעדע קלאַסע וועט זיין בעגרענצט.

צו אונזערע לעזער!

מיר מאַכען אויפמערקזאַם אונזערע געשעצטע לעזער, אז די **צווייטע אויפלאַגע פון די בענדער 9, 10, 11 און 12** פון **דער יודישער געשיכטע** פון פּראָפעסאָר גרעץ איז שוין ערשיענען, און די איינהאַבער פון די קופּאָנען ווי אויך פון די „אַלנעמיינע קופּאָנעס" קענען זי בעקומען אין גאַנצע קאָמפּלעטען די גאַנצע 12 בענדער אין פּראַכט-באַנד אין פערשיעדענע שעהנע פאַרבען, אַנשטאָט 16 ר' 50 ק' פאַר נור **3 ר' 60 ק'** אָדער נישט געבונדען פאַר **2 ר' 40 ק'.** יעדער איינצעלנער באַנד פאַר **20 קאָפּ.** און יעדע 2 בענדער געבונדען אין פּראַכטבאַנד פאַר נור 60 קאָפּ.

אין פערלויף פון נור 9 טעג

דעריבער ווערען געבעטען יעדער פון אונזערע געעהרטע לעזער, וואָס איהם פעהלען נאָך אייניגע נומערן פון די פריהעריגע בענדער, דורכאויס זיי צו-צונעהמען, ווייל אויף שפּעטער זענען מיר נישט פעראַנטוואָרטליך פאַר דער פּינקטליכער צושטעלונג.

די אדמיניסטראַציע פון

לאָדזער טאַגעבלאַט

געשמאַקע מיטאַגע און אָבענדברויט

גיבט אַרויס די מלעטשאַרניע פון 566 2 2

W. Rydza בענעדיקטאַ 1

א גרייטע און זיכערע פרנסה

איבערצוגעבען א פאַבריקאַציאָן פון א נאָגנבאַר ארטיקעל מיט קליינעם קאַפּיטאַל פון באַלד. צו ערקונדיגען זיך זאַקאָנטנאַ 30 ביים ווירט, אויך דארטזעלבסט וואָהנונ-גען פון 2, 3 צימער און קיכע מיט בעקוועמליכקייטען צו פערמיעטען. 591 3 1

האַמבורג-אַמעריקאַ-ליניע

נאָרד-דייטשער לאָיד

בעקוועמע, זיכערע אונד שנעלע פערזאָנען-בעפערדערונג נאָך אַלען איבערזעאישען פלעצער דירעקט אָהן א פערסאַרקע איבער ברעמען, האַמבורג, ראָטערדאַם און אַנטווערפּען

מען זאָל זיך ווענדען מיט פּאָללען פערטרויען אן די נעכסטע קאָנטראָל-סטאַציאָן, וועלכע ערטיילט יעדע נעהערשטע אויסקונפט אונד פערקויפט בילעטען צו אָריגינאַל-פּרייזען דער דאַמפפשיפפעזעלשאַפטען.

יעדער, וועלכער וועט זיך איינער קאָנטראָל-סטאַציאָן אנפערטרויען געניסט פאָלקאָמענעם פּערזענליכען שוץ אונד איז זיכער ביי ערפיללונג דער לאַנדעס-בעדינגונגען אין איבערזעאישען האַפען, אז ער וועט זיין ציעל ערגרייכען. מיט דען לאַנדעס-בעדינגונגען מאַכט יעדע קאָנטראָל-סטאַציאָן יעדען בעקאַנט.

די קאָנטראָל-סטאַציאָנען בעפינדען זיך:

אין באַיאָהרען ביי מעסעל פאָרשטעהער הערר אַבעלמאַן

מילוויץ		פּרישש
איידקונען		בוכען
פּראָסטקען		בארען פאָן קייזערלינג
אילאָגרא		וואַניאַנסקי
טהאָרן-אָטאָקקער		פּויל וועלטמאַן
פּאָזען		ערמנר עלזנער
אָסטראָווא		העננער

974 75

←אין לאָרענצאָווקא→

נעבען לאָדז: זומער-וואָהנונגען צו פערמיעטען, בעשטעהענד אויס 2 צימער און קיכע, און 1 צימער און קיכע. דאָרטזעלבסט איז צוליעב ערקראַנקונג פון געשעפט, א זומער-וואָהנונג בעשטעהענד אויס: א שעהנעס גאַרטען און 3 געבייידען, און וועלכע עס בע-פינדעט זיך 14 וואָהנונגען, ברונע, א קרעמל אים גאַרטען, א סטאָל. צו ערפאַהרען דזיעלנא 78, פון 8 פריה ביז 5 נאָכמיטאָג. לעווינסקי. 552 3 2

Hermann Hirt

הערמאַן הירט

הויף-טיעפבוי-אייזענבעטאָן

משענסטאָכאָוו, שקאָלנא שטר. 6, טעלעפאָן 624

צווייגגעשעפטע און קעניגסהיטע, לאוראַהיטע און ראַדאָם.

אונגעהמונג פון בוי-אַרבייטען אַלער אַרט אין הויף- און טיעפבוי, בערג-בוי און היטענבעטריעב. בעטאָן- און איזען-בעטאָן-בויטען, וואַסערבוי, פאַבריקס-בויטען, האַלאָזיוען און מאַרטינאָפּען, קעסעל איינמויערונגען, קיימענס. 3007

אַדוואָקאַט

נ. וויינבערג

77 דלוגאַ 77

עמפּפאַנגט נור פון 5 ביז 8 נאָכמיטאַג. 5006

א. א אויך מילימערזאַכען און אַלער ארט שתדלנות אין אַלע רעגירונגס-אַנשטאַלטען.

Мошекъ Лейзеровъ Абрамовъ Кронбергъ потерялъ свой паспортъ выдан. магистр. гор. Ловичъ Варшавск. губ. Отдать въ полицію. 568 3 3

Яковъ Лейзеровъ Райхманъ потерялъ свой паспоркъ выд. магис. гор. Врезыоы Петр. губ. Отдать въ полицію. 570 3 3

Гельманъ Хабибулинъ потерялъ свой паспортъ выд. Алатской волостной управленіей Казанской губ. Отдать въ полицію. 565 3 3

Янкель Шмулонъ Ицковъ Гольдбергъ потерялъ свой паспортъ выдан. маг. гор. Лодзь. Отдать въ полицію. 557 3 3

דאָקטאָרין

ש. ראַבינאָוויטש

פראַנציסקאַנסקאַ 19

אינערע, קינדער און פרויען-קראַנקהייטען עמפּפאַנג פון 9 ביז 11 און פון 4 ביז 6 אָבענדס 603

מעבעל 3 3 537

שלאַפצימער: בעטען, מאַטראַצען, גאַרדע-ראָבען, וואַש-טיש אונד נאַכט-טישע, שפּייזע צימער: קרעדענס, אָטאָמאַנע, טיש, שטיהלע וואַנד-אוהר. סאַלאָן-מעבעל: אַנטיקע קאַבינעט, סקווערא שטר. 5 וואָהנונג 9.

אָלגענדע לאָזען זענען פערלוירען גע-נאַנגען אונד וועלכע ווערען אַלס אונ-גילטיג ערקלערט. פּרייז א 30 רובל: 22321, 26014, 20013. פּרייז א 20 רובל: 23080, פּרייז א 18 רובל: 21368. פּרייז א 10 רובל 16651, 16653, 16656. 605

Dr. L. Klatschkin

ד"ר ל. קלאַטשקין

קאָנסטאַנטינער 11.

ספּעציאַל-ארצט פיר הויט און וועגע-רישע קראַנקהייטען, שפּרעכשטונדען פון 9 ביז 1 און פון 6 ביז 8 אָבענד. פיר דאַמען בעזונדערעס וואַרטע-צימער פון 5 ביז 6 נאַכט. 15267

פון אויסלאַנד צוריקגעקעהרט

דר. לעווקאָוויטש

הויט ווענערישע פּלאָוען-לעדען אונד מענער שוועכע. ביי סיפיליס 606-914 טריפּער - היילונג אָהן שפּריצעוואַניעס לויט א נייע מעטהאָדע) קאָנסטאַנטי-נער שטר. 13 נעבען וועלינג שפּרעכשטונדען פון 9—1 אונד פון 6—8 נאַכט. דאַמען פון 5—6.

ד"ר טראַכטענהערץ

Dr. Trachtenherz

זאַוואַדזקאַ 6. טעל. 84-76

געוו. אַססיסטענט דער פּעטערסבורגער ספּעציאַלען שטאַדט שפּיטעלע. ספּעציאַל-ארצט פיר סיפיליס הויט ווענע-רישע קראַנקהייטען אונד מענערשוועכע. בעהאַנדלונג נאָך עהרליך האַטאַ 606—914 היילונג מיט עלעקטריציטעט. שפּרעכשטונדען פון 8—2 און 6—9 דאַמען פון 4 ביז 6, בעזונדערע וואַרטע-צימער 1468.

Dr. med. P. Braun

קרוטקאַ-שטר. 4, טעל. 35-35

געוו. אסיסט. פון בערלינער קליניקען ספּעציאַל-ארצט פיר הויט-ווענע-רישע און געשלעכטס-קראַנקהייטען, ספּעצ. בעהאַנדלונג דעם טריפּער און סיפיליס נאָך די נייעסטע מעטאָדען. עמפּפאַנגט פון 9—1 און פון 5—9, דאַמען פון 5—8. בעזונדערעס וואַרטע-צימער. 5568

Редакторъ: И. Угоръ. Издатели: Э. Гамбурскій. А. Тененбаумъ